## לאנדאן קולטור-ידיעות (המשך)

דיין מ. א. קרואַז האָט, פאַרגאַנגענעם חודש ביי א מלווה־מלכה אין דער גרויסער קאָמערשל־ראָד־שול, געהאַלטן א רעדע איבער יידישער דערציאונג אין דער איסטענד. פאָרזיץ נייטן ראַבינאָוויטש.

• • •

דר. יעקב י. מייטליס, דרוקט א בוך, אין יידיש, איבערן יידישן „מעשה־בוך". דער טעקסט, מקורות און וויסנשאַפט־עסייאיסטיש בארבעט. עס זעצט זיך אין נאראַדפרעס און וועט באַלד ארויס פון דרוק.

• • •

הרב מיכאל פישער, וועלכער איז צוריקגעקומען פון א נסיעה אין ישראל, האָט גערעדט ביי א בית־ציון־מלווה־מלכה, פון זיינע איינדריקן אין מדינת ישראל מיט גרויס באַגייסטערונג. פאָרזיץ נייטן ראַבינאָוויטש.

אין רידינג איז געווען אַ קאָנצערט פון יידישע און העברעאישע לידער. וועראַ ראָזשא האָט געזונגען ביים פּיאַנאָ ר. טריסטראַם.

• • •

חנה ווילנער פון פּאַריז האָט געהאַלטן א רעפעראַט אין אַרבעטער איבערן סאָציאַלן און געזעלשפטכן לעבן אין פראַנקרייך. ו. פּאַדאָלסקי האָט געפירט דעם פאָרזיץ.

• • •

דאָס אַש פון שמואל זיגלבוים, וואָס געפינט זיך אין גאָלדערס, גרינעם קרעמאַטאָריע, ווערט קומענדיק אַריבערגעפירט קיין אַמעריקע, ווי די שטאָט ניו־יאָרק זאָל זיך באַטייליק אין אויפשטעלן אַ מצבה־מאָניומענט אויפן נאָמען פונם גרויסן נפטר־מאַרטירער.

---

## צו אלע פריינט פון „לשון און לעבן"

פרוי **מרים לעווי**, בעט אַלע פריינט פון „לשון און לעבן", צו אַ גלעזל־טיי ביי זיך אין הויז, מאָנטיק, דעם 27׳טן, 1961, אין טאָג, ווען ס׳פאַלט אויס די יאָרצייט פון איר מאַן, דעם דיכטער **יוסף הלל לעווי**. מ׳בעט צו קומען פונקטלעך 4 אזייגער נאָכמיטאָג. די אַדרעס:

46, Windsor Court, Golders Green Road, N.W.11

---

## „ווייטשעפּל שטעטל דבריטן"

קאָנט איר באַשטעלן אויף דער אדרעס פון „לשון און לעבן" און אין צווייטן העלפט פון חודש מערץ וועט דאָס בוך צוגעשיקט ווערן. איבער „טעכנישע סיבות" ליגט עס נאָך ביים איינבינדער.

---


## „די אידישע שטימע"

די איינציקע וואָכנצייטונג אין דער אידישער שפּראַך אין דעם לאַנד.

THE JEWISH VOICE LTD.

11-13 NEW ROAD, LONDON, E.1. Phone: BIS. 9804

LEYTON KNITWEAR CO. LTD.

**WHOLESALE WAREHOUSEMEN**

**Knitwear - Blouses - Underwear**

INDUSTRY HOUSE,
37 MIDDLESEX STREET,
LONDON, E.1


224

# לשון און לעבן


חודש-זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור

נומער 3 (העפט 353) צוויי און צוואַנציקסטער יאָר אַפּריל 1961 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל


א י נ ה אַ ל ט :


דער סימבאָל פונם „משהו חמץ בפסח, צום 13׳טן יום העצמאות, בכל דור ודור, צום 19׳טן אַפּריל־טאָג, דער קדוש־מאַרטירער שמואל זיגלבוים, שיר־השירים־געוויין ** ..... 1
מכוח דעם סאָציאַלן נאַציאָנאַל־געפיל פון פסח (עסיי) ..... י. ריכטיגער 5
מרור זה (ליד) ..... יוסף הלל לעווי 8
„שקעלעטן אין ישראל (פּאָעמא) ..... י. היישעריק־פוקס 9
ביאַלע (טיפן פון דער פאַרגאַנגענער צייט) ..... משה בעקערמאַן 10
אין זכרון פון שמואל זיגלבוימס ערשטער יאָרצייט ..... מנשה ווייסגראַז 15
אַ באַוווּנדערונג (ליד) ..... שמואל וואהייט 15
מיין ערשטע נסיעה (פּראָזע) ..... א. נ. שטענצל 16
מאָראַל פון לאָנדאָנער שרייבער ..... ל. ש. קרעדיטאָר 30
דער יזכור־ספר חמיעלניק ..... מ. דאָמב 31
יידיש ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס ..... 32



**פרייז 2 שילינג**

אַבאָנאָמענט־פרייז :—26 שילינג פאַר אַ יאָר

אין אויסלאַנד :—8 דאָלאַר אַ יאָר

אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע :—

"LOSHN UN LEBN," 17 Delamare Buildings,
Collingwood Street, London, E.1. England

*Published and Edited by* A. N. Stencl, 17 *Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press,* 129-131 *Cavell Sreet, London, E.1*

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 3 (העפט 353) צוויי און צוואַנציקסטער יאָר אַפּריל 1961 לאָנדאָן

## דער סימבאָל פונם „משהו-חמץ בפסח“

פסח, דער יום־טוב פון באַפרייאונג; די פרילינג־פון אַ פאָלק, וואָס גייט אַרויס מעבדות לחירות. קנעכט אויפגעבונדענע פון זייערע קליגענדיקע קייטן; עבדים זינגען דאָס שטאָלצע שירה־ליד: „כי גאה גאה“.

די אור־ערשטע און געוואַלטיק גרעסטע רעוואָלוציע פונם האָראָפּאַשנעם מענטש, פיזיש און גייסטיק: „וואָס דער נביא יחזקאל האָט נישט געזען מיט זיין נבואה האָט דערזען די נידריגסטע שפחה ביים ים“.

די גאַנצע גורל־טראַגעדיע פונם מענטש, דאָס מיסטיש פאַטאַלע פון דער גאַנצער בריאה זינגט אַ קינד אויס מיט אַ פריילעך „חדיא־גדיא“־ליד.

אויף אַלע סאָציאַלע פראַגן, אויף אַלע נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען, פונם חכם ביז תם, פון רשע ביזן שאינו יודע־לשאול, צו קענען ענטפערן מיט איין קאַר־דענאַלן תרוץ איז דער סימבאָל — דער „משהו־חמץ“.

איין ברעקעלע, איין הערעלע, איין טיילכל פון אַ מאָליעקול, איין אָפּ־שפּריצל פון אַן אַטאָם — אַ משהו, און דאָס טעגלעכע שטיקל ברויט, דער לחם־הקלוקל, פּלאַצט אויף, און זויערט, און ווערט חמץ;

איין שטויבעלע, איין שפּרענקעלע פון אַ שטויבעלע און די גאַנצע מי, אַזוי־פיל גערייניקט און געשייערט, אַזויפיל געפּוצט און געוואַשן, אַזויפיל זיך געגרייט און זיך צוגעגרייט, און דער גאַנצער יום־טוב איז — אַ צעשטערטער, מ׳קאָן אפילו קיין טובת הנאה פון אים נישט האָבן.

„כלנו חכמים, כלנו נבונים, כלנו יודעים — —“ ווי האָר געניי האָט עס מאַרקס אויפגעשריבן ווי עקזאַקט וויסנשאַפטלעך לענין פאַרטייטש, ווי האָר־שפּאַלטנדיק — טראָצקי! ווי מיט אַ שאַרפן שערף, אַן אויסגעדינטן צעק־לינגטן, און ווי האָט עס איבער די קעפּ איינגעהעמערט — סטאַלין! און דער יידישיסטישער בונדיסט, און דער העברעאישער פּועלי ציוניסט, און דער אַראַ־בישער נאַציאָנאַליסט און דער אַפריקאַנער טעראָריסט? מיינען דען נישט אַלע די באַפרייאונג פונם מענטש, די באַפרייאונג פון די פעלקער?

אָבער אומעטום עס מוז נאָר בלויז אַריינפאַלן אַ משהו, אַן עפּעס, און עס פּלאַצט אויף און דער פייערלעכער יום־טוב איז צעשטערט, און פונם דעמאָקראַטישן סאָציאַליסט ווערט אַ טאָטאַלער נאַצי רוצח.

פסח, דער חלום פון באַפרייאונג, דער קינדער־פרילינג פון די פעלקער, וויפיל באַפרייאונגען זייט דעמלט, וויפיל געלונגענע רעוואָלוציעס, און דאָס שטעקעלע שלאָגט נאָך אַלץ דאָס הינטעלע...

### בכל דור ודור...

בכל דור ודור עומדים עלינו“ — — — — אין אַלע דורות האָבן זיך

## יזכור אוונט

וואַרשעווער־געטאָ אויפשטאַנד

זונטיק דעם, 16׳טן אַפּריל, 3 אזייגער אין אַדלער האָל אדלער סטר. א.ו.

ליכט אָנצינדן, רעדעס, רעציטאַציעס, פּאַרטיזאַנער לידער

הזכרה וועט מאַכן חזן רעוו. שמואל ראטה

פריינט פון יידיש לשון, רידינג־רום, מיט דער באַטייליגונג יידישער סאָצ־

יאַליסטישער ארגאניזאַציע אין לאָנדאָן. קומט אין מאַסן



קאמפּאזיציע 1951 אלפרעד אבערדאם

פון דער אויסשטעלונג אין דער מאַלטאַן־גאַלעריע פאַרגאַנגענעם חודש.

באָוויזן משיחים, אפילו שבתי צבי, איז נישט געווען קיין פאַלטשער משיח, ער האָט זיך נאָר מאוס אַריינגעדרייט, — אין אן אידעלאָגיע פון זיין עפּאָכע! — ביז ער האָט זיך נישט מער געקענט אַרויסדרייען פון זיין אייגענעם כשוף־קרייז.

מיר שטייען אַצינד פאַר אַ גרויסן נסיון אפילו אַ קינד ביים סדר זעט שוין, אַז ס'איז נישט „הכל בסדר" — אליהו הנביא אָן „שפוך חמתך", — אָן אָן אָפענע טיר פאַר „כל־דיכפון"! — איז אַ נאַרישער קריסטמעס־מען אין אַ קלאָטשע־באָרד.

אין דער עפּאָכע איצט פון דיפלאָמאַטיע און פּאָליטיק, אויב מיר וועלן די בלוטיקע הענטשקע דעם טייוול נישט צוריק וואַרפן, וועלן מיר ווידער אין אַ „טייוולס־ראָד", חלילה, אַ ריינגעדרייט ווערן, אין אַמין צויבער־קרייז ביז אַליין פארכשופט צו ווערן, חלילה: די דויטשע לאַנץ־קנעכט־מיליאָרדן...

ווי מיר וועלן דאָס הערלעך אויפמאַרשירן, צו דער בר־מצוה! אָבער דער צווייטער צד, סטרא־אחרא, וועט זוכן אונז נאָך מער איבערצוואַקסן — די עגיפּטער האבן שוין „אויך" אַטאָם־קראַפט.

ווי מיר וועלן דאָס אויפזינגען די הפטורה! אָ די „פּרשה" האָבן מיר שוין געליינט!... און ווי געליינט... מיט „שלשלת"דיקן טראָפּ פון „קרני פרה"!

מיר שטייען פאַר אַ גרויסן נסיון! דער נומער 13 איז אַ שלעכטער סימבאָל! אָבער אַז מען דערהייבט אים, בר־מצוהדיק, מען פאַרקניפּט אים מיט יושר, מיט צדק, מיט אמונה, דערהויבט מען זיך צו אחריות, צו מעשים טובים, צום יום־טוב פון וואַקסנדיקן כוח־גברא, צום אחרית הימים פון די אייביקע יידישע נביאות.

## צום 13'טן יום העצמאות

שווערער ווי דעם גאָרדן־קניפּ אדורכצוהאַקן איז אַ כשוף־קרייז זיך, אַדורכצוברעכן; דער קניפּ וועט דאָך אַמאָל פון אַליין שוואַך ווערן און זיך אויפקניפּן — פאַרפוילט ווערן! דער כשוף־קרייז אָבער קרייזט אַלץ ווייטער און ווייטער ראד אין רעדל, ראָד אין רעדל — אָן אן ענד! אַליין גאָר מ'ווערט פאַרכשופט.

עס ווערט דעם חודש דאָס 13'טע יאָר ווי ישראל איז א סוווערענער שטאַט — דער 13'טער יום העצמאות! דער נומער 13 איז אַן אַבערגלויבישער סימבאָל, די יידישע אמונה אָבער, דער יידישלעכער בטחון האָט אים דערהויבן צום באַוווסט זיין צו אייגענע מעשים, צו אחריות;

דער סימבאָל פונם בר־מצווה איז דער „וארשתיך לי בצדק, וארשתיך לי באמונה" — דאָס פאַרקניפּט ווערן מיט דער אייביקער גערעכטיקייט.

און ווי סימבאָליש: אין 13'טן יאָר פון דער יידישער מדינה שטייט דער איכה־מאָן מיט זיין פאַרטיידיקער צו פאַרטיידיקן דאָס דייטשע „הערן־פאָלק" — דעם אייביקן „לאַנץ־קנעכט!"

ווי אָקאָרשט מיטן שאַרפן מעסער — „„ווען ס'יידן־בלוט פאָן מעסער שפּריצט, גייט עס נאָך מאַל זאָ גוט"! — שטייט ער שוין איצט „דער העררן



מענטש", מיטן אָפּגעראַבעוועטן געלד. און ווער האָט אים געהאָלפן, אז דער זאַק־רויב זאָל קריגן דעם (סימבאָלישן) גאָלד־ווערט, ווער האָט „געדעקט" די וואַלוטע? מיר מיט אונזער גוט־מאַכונג".

און וואס איז פּתום ורעמסס קייגן אָשוויץ? נישט עפּעס אָ חומש מעשהלע מיט הייבאַמס, מיט אַ קרעציקן פרעה, מיט פריש געבוירענע — — — איבער אַ מיליאָן קינדער אויף ברוטאָלסטע אופנים אויסגעקוילעט, 10 מאָל ששים־רובן יידן אין גאז־קאַמערן און אין קרימאַטאָריעס, טויזנט יאָר־אָפּגעהאַרעוועט פאַרמעגן. ירושה־אוצרות פון דורות צוגעראַבעוועט — — און איצט אַ ביזת־הים בזיונדיקע „ביזנעס" אַרום אונזער בלוט־ים, וואס קאכן נאָך ברויזנדיק.

## צום 19'טן אַפּריל-טאג

מיר, מיט אַלע אונזער יזכור־ביכער, מלא רחמימס, דענקמעלער און זעקס־רעריגע מנורות, מיר וועלן נישט באַנעמען דעם מאָרד באַגאַנגען איבער אונזערע 6,000,000 קדושים אַזוי אכזריות און אזוי שענדלעך.

פאר ישראל זיינען זיי „שחיטה חוץ" — און די תפוצות געלד־זאַמלען אויף זייערע נעמען, יאָ, אָבער, אָבער איין שטיקל־תפילה, אין זייער תחינה־לשון, א מין „קדיש", א „יקומפורקן" צו פאַרפאַסן און זאָגן אין אַלע שילן דאָס — לאָ!

די „גוטע דייטן" נעבעך „וואס האלטן אין איין ריידן" פון מחילה, זיי זאָלן כאָטש 6־מינוט שווייגן יעדעס יאָר נאָך די 6,000,000, וואָס די נאַצים, זייערע „גלויבנס־ברידער", האבן אויסגעמאָרדעט — פון דעם טראַכטן זיי צומאָל נישט!

דער אומגעציפער־מענטש קאָן מיט זיין גאַנצן צעחשבונטן מוח אַזאַ ציפער נישט משיג זיין — 6,000,000 קדושים!

די תשובה פון דער שכינה אויף די עשרה הרוגי מלכות „כך עלתה במחשבה"! ששים רובי הרוגי מלכות, ווי גרויס מוז ווערן אַזאַ מחשבה צו קענען עס באַנעמען; צי אפילו די שעפערישע יצורה, עס ווערט צו ווערן.

דער 19'טער אַפּריל קוים אַ גבורים־פייערונג נאָך דער־וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד: העלדן אין טליתים און אין פענער געהילטע וואַרפן זיך אין די פלאַמען ווי ברענענדיקע לייבן אויף קדוש האומה, אז מיר זאָלן נישט בלייבן ללעג ולקלס אין די תפוצות און מדינת ישראל זאל יעדן קאַמף זיין געוואַקסן, געדענגנדיק זייערע קדושים־און גבורים־נעמען.

## דער קדוש-מאַרטיקער שמואל זיגלבוים

אינם „שלהבת יה"־פלאַם, אין „אש להבה", וואָס דאָס אייראָפּעאישע יודנטום איז אויפגעגאַנגען, זיינען מיר דאָ, ענגלישע געשוינט געוואָרן — אפשר נישט ווערט געווען! — איז געקומען צו אונז אַ ברענענדיקער ייד, פלאַמפייער זיין צונג, אַ פּוילישער ייד, אַ מזרח־אייראָפּעאישער ייד, שמואל זיגעלבוים איז געווען זיין נאָמען, און אַזוי געטון טון, אז מיט זיין ביסעלע אַש. זאָלן מיר, דער יידישער ישוב פון דער אינזל דאָ, אויך זיין באַטייליקט אין דעם חטאת לד'.

וואָס ווייסן מיר, וואָס פאַרשטייען מיר, אַלץ איז איבער אונזער מענטשלעכער השגה — —

עס בלייבט שטיין דער מענטש און איז נשתומים,
„אל מלא רחמים שוכן במרומים“,
אָבער דאָ אויף דער ערד אַזויפיל פּיין,
דעם קדיש־יתום זאָגן, און אַליין
נאָך נאָכזאָגן דעם „ברוך שמו, אמן“ — —

## שיר־השירים־געוויין

אַ לידל נאָך קאָנען זינגען פון מיין היים,
פאַר פסח און ווי קליין עס זאָל נישט זיין,
אַ יום־טובדיק לידל פון כוסות טובלען,
נייע שיסעלעך פאַר חרוסת, פאַר כריין.

ווי ביזט דו מיר צערינען מיין היים,
מיט אזויפיל טרערן און אַזויפיל בלוט ?
אַזויפיל ביטערנישן, טרערן־געטונקן,
ס׳לידל צו זינגען פעלט אויס ס׳ביסל מוט.

דאָס נייע היטעלע, נייע שטיוועלעך,
יעדעס ווינקעלע ווי ליכטיק צעבלאַנקט ;
פון הימל אַראָפּ די פולע לבנה,
סדר־שיסל — סאַמע צום טיש דערלאַנגט.

דער טאַטע אין קיטל, אין ווייסן קלאָרן,
אַ מלאך אזוי הייליק, אזוי ריין ;
אונזער שטוב אפולע מיט גאָלע נסים,
מיין מאַמע, די מלכה, מלכותדיק שיין.

כ׳עפן די טי אויף צו „שפוך חמתך“,
און כ׳זע טאַקע ס׳פעלט פון כוס אַ טראָפּ,
אליהו איז דאָ געווען, ער האָט געטרונקן,
אָ, עס נאַרט מיך קיינער, חלילה, נישט אָפּ.

ווי קאָן ער דען מער, ווי איין זופעלע טון,
ער מוז דאָך אין אַזויפיל שטובער זיין,
ווי מיר פון כוס אַ טראָפּ פאַר יעדער מכה,
ער פאַר יעדער בשורה וואָס ער ברענגט אַריין —

צו גלויבן אין הייליקייט, אין נסים,
ס׳ביסל חרוסת צו פאַרזיסן די פּיין !
יאָ, מיט אלע יידן, לשנה הבאה,
אין הייליקן ירושלים צו זיין.



אַ לידל נאָך קאָנען זינגען פון דער היים,
פאַר פסח ווי קליין עס זאָל נישט זיין — —
אָ, „מי זאת העולה... כתמרות העשן —
כ׳בראַך צוזאָם אין מיין שיר־השירים געוויין.

י. ריכטיגער

## יידישע פילאזאפיע און טראדיציע

### מכוח דעם סאציאלן נאציאנאל־געפיל פון פסח

די געשיכטע פון יציאת מצרים דערציילט וועגן דעם מענטשס ערשטן נצחון אין זיין קאמף קעגן פארקנעכטונג פון היימלאזע און עקספלואטאציע פון שוצלאזע. אבער די אומות העולם האבן ניט באגריפן דעם באטייט פון דעם נצחון, פארפלאנטערט אין שפינען־געוועב פון אלטן מצרישן טויטן קולט, איז די אידיי פון פרייהייט דורך זייערע געלערנטע און פריסטער פארפעלטשט געווארן, דער עכא פון די צעשמעטערטע מצרישע שקלאפן־קייטן איז פאר־טויבט געווארן מיט לויב־געזאנגען וועגן תחיית המתים פון גאט אסיריס, וואס האט סימבאליזירט דעם פרילינג. מיט א האלבן יאר הונדערט צוריק איז דער היסטארישער פאקט דערמאנט געווארן פון דעם פועלי ציוניסטישן טעא־רעטיקער און מנהיג ב. באראכאוו, ער האט געשריבן: „אומעטום, ביי אלע פעלקער, איז פסח א באפרייאונגס חגא. אבער מערקווירדיק, ביי אלעמען באפ־רייט זיך אין פסח נישט דער מענטש, נישט דאס פאלק, נאר די גאטהייט, די ווידער דערלעבונג פון דער גאטהייט סימבאליבירט דעם נאטור פראצעס פון פאלקס־באוווסטזיין, האבן עס געוואגט צו פארבינדן די באפרייאונג פון דער דער דערוואכונג פון דער ליכטיקער זון. נאר די יידן, אין זייער נאציאנאלען נאטור מיט דער פאלקס באפרייאונג. נאר די יידן האבן עס פארשטאנען אין זייער קאסמישן וועלט־עגאיזם צו פארוואנדלען פסח אין דעם זמן חרותנו... ווו איז נאך געווען אזא פאלק, וואס זאל בכלל פייערן זיין אייגענע פרייהייט ? נאר אין דער לעצטער צייט האבן די יינגע פעלקער אנגעהויבן צו פייערן זייער באפרייאונג: די אמעריקאנער יענקעס, די פראנצויזן און די איטאליענער. די יידן, אבער, געדענקן זייער באפרייאונג שוין טויזענטער יארן“. („געקלי־בענע שריפטן“ ז. 297)

פאקטיש איז, לויט דער יידישער מסורה, ניט אליין דאס פאלק ישראל באפרייט געווארן פון מצרים, נאר אויך די געטלעכקייט. די חכמי התלמוד דרינגען דאס ארויס פון דעם וואס דוד המלך האט געזאגט — „אשר פדית לך ממצרים גוים ואלהיו“: וואס דו האסט דיר אויסגעלייזט פון מצרים פעלקער און זייער אלמעכטיקייט. (שמואל־ב. ז׳) מען דארף וויסן אז רבי עקיבא און זיין תלמיד רבי שמעון בן יוחאי באהויפטן, אז די שכינה איז מיטן יידישן פאלק אין גלות, און ווען א ייד האט צרות וועגן זיין יידישקייט ליידט די שכינה מיט אים. (מכילתא בא פרשה י״ד, מגילה כ״ט) ווי שוין אנגעוויזן אין א פריערקן

רעפעראט, ווילן זיי זאגן מיט „שכינתא בגלותא“, אז דער „רוח לאומי“: דער נאציאנאלער גייסט פון פאלק ישראל איז מיט אין גלות, ווייל זיין היימלאנד איז ארץ ישראל. (זהר תצא און תחינה פאר כל נדרי — „קם רבי שמעון“...) דער נאציאנאלער גייסט פון פאלק ישראל אדער די שכינה לאזט ניט צו אז די יידן זאלן זיך אסימילירן מיט די פעלקער צווישן וועלכע זיי וווינען, ווייל אסימילאציע איז קעגן זייער וועלט באנעם. די רעליגיעזע דענקער פון אלטן פאלק ישראל האבן געזען אין דער פארשידנקייט פון קוואנטיטעט, קוואליטעט, פארעם און קאליר אין דער חושימדיקער עקזיסטענץ אז דער אלמעכטיקער האט איר באשאפן, ווייל פארשידנקייט איז אן אבסאלוט — אומבאשטרייטלעכער באוויז פון שאפונג, האבן זיי דערפון געדרינגען אז דער נאציאנאלער געפיל, וואס פאראייניקט מענטשן פון דער זעלבער קולטור, אפשטאם אדער סביבה, איז א נאטור געזעץ. דעריבער זענען די בני ישראל געבליבן אין מצרים א באזונדערע פאלקס־גרופע אונטערן נאמען „עם בני ישראל“, און אזוי ווי די נאציאנאלע אפזונדערונג איז געווען די סיבה פון זייער פארקנעכטונג דורך די מצרים האבן זיי ניט אליין פיזיש געליטן פון די ארבעט, נאר אויך זייער נאציאנאלער גייסט אדער זייער שכינה איז דערפון אונטערדריקט געווארן. דער קאמף, וואס משה רבינו האט געפירט קעגן פרעה, איז אויך געווען א נאציאנאלער: צו באפרייען דאס פאלק ישראל פון פרעמדער אונטערטעניקייט, ניט ווייל ער האט געהאלטן אז שקלאפעריי איז אוממאראליש, ער זעלבסט האט אין זיין תורה ניט פארבאטן אז די בני ישראל זאל קויפן שקלאפן, (ויקרא כ״ה) נאר מחמת די מצריים האבן אויסגענוצט זייער הימלאזקייט און שוצלאזקייט צו פארקנעכטן און עקספלואטירן די בני ישראל.

די רעליגיעזע דענקער פון אלטן מצרים, אבער, האבן געזען אין דער פארשידנקייט די סיבה פון קאנפליקטן און פארניכטונג, זיי זענען דעריבער געקומען צום אויספיר, אז די חושימדיקע עקזיסטענץ איז אנטשטאנען דורך אן אויסשטראלונג אדער סעפאראציע פון דער אלמעכטיקייט. אלעס האט, פארשטייט זיך, געדארפט זיין עגאל, אזוי ווי די צעלן וואס פארמערן זיך פון א פראטאפלאזם זענען גלייך. נאר צופעליק אדער דורך א רעוואלט האט זיך פון דער אויסשטראלונג אדער סעפעראציע אנטוויקעלט פארשידנקייט פון קוואנטיטעט, קוואליטעט, פארעם און קאליר, וואס די מענטשנקינדער מאכן נאך, מיט זייער פארטיילן זיך אין נאציעס. אבער אזוי ווי יאר איין יאר אויס דערוואכט די אלמעכטיקייט און באפרייט זיך פון דער אפווייכנדיקער אנטשטייאונג, ווי מען זעט דאס אין דער צוריק אויפשיינען פון דער ליכטיקער זון אין פרילינג, האט דאס פאלק, וועלכן עס איז געגעבן געווארן כח און מאכט, די רעכט צו אונטערדריקן דעם אומנאטירליכן דראנג פון די מענטשנקינדער זיך צו פארטיילן אין באזונדערע פעלקער. פארקנעכטן הימלאזע און עקספלואטירן שוצלאזע איז אזוי ארום געווארן בארעכטיקט פון אלט־מצרישן וועלט באנעם און מחמת די פאנטעאיסטישע טעאריע פון אנטשטייאונג, וואס די רעליגיעזע דענקער פון אלטן מצרים האבן פאמולירט, איז דער יסוד פון אלע



וועלט רעליגיעס, האבן די אומות העולם ניט געקאנט פייערן זייער אייגענע נאציאנאלע באפרייאונג, ווייל דאס אנערקענען פון נאציאנאלע פארטיילונג איז אין סתירה מיט זייער וועלט באנעם, נאר זיי האבן געפייערט פסח לכבוד דעם אלמעכטיקנס באפרייאונג פון פארשידנקייט, כדי צו בארעכטיקן זייער אונטערדריגן דעם דענקן און לעבעס שטייגער פון אנדערע.

דאס טאקי, די רעכט פון יעדן פאלק אויף אן אייגענעם דענק און לעבנסשטייגער, איז געווען דער תהום וואס האט אפגעטיילט דעם יידישן וועלט באנעם פון אומות־העולם. די אלגעמיינע בילדונג פון די אלטע מצריים, אסיריער, באבילאנער, פערסיער, גריכן, רוימער און אלע אנדערע פעלקער ביזן היינטיקן טאג, איז אפשר געווען העכער ווי פון יידישן פאלק, זייערע געזעצן פון פליכטן און רעכטן פאר זייערע בירגער זענען אפשר געווען לאגישער, אבער עס האט זיי געפעלט טאלעראנץ, דער באדינג אויף וועלכן א פרידלעכע ציוויליזאציע קאן אויפגעבויעט ווערן. וועגן דער פאנטעאיסטישער טעאריע פון אלטן מצרים, וואס זיי האבן אריינגענומען אין זייערע רעליגיעס, איז זייער מיינונג געווען אז די סיבה פון מלחמות און פארניכטונג קאן ניט זיין עפעס אנדערש, נאר די פארשידנקייט פון דענקן און לעבנסשטייגער ביי די מענטשנקינדער. זיי האבן דעריבער געטראכט מיט פייער און שווערד ארויף צו צווינגען איינער אויפן אנדערן זיין דענקן און לעבנסשטייגער, וואס האט געפירט צו פרישע מלחמות און מער פארניכטונג.

ביבעל קריטיקער טראכטן צו באווייזן אז אין קאדעקסן, וואס זענען עלטער פון די עשרת הדיברות, געפינט מען שוין די געזעצן „לא תרצח, לא תנאף, לא תגנב און אזוי ווייטער, אבער זיי מוזן מודה זיין אז ניט אין די אויסגעגראבענע דאקומענטן פון אלטע פעלקער און ניט אין די שריפטן פון די היינטיקע וועלט רעליגיעס, אחוץ אין תורת משה ווערט אנגעדרינגען אז מען זאל טאלערירן דעם דענקן און לעבנסשטייגער פון אנדערע. אנהייבנדיק פון דער באשרייבונג וועגן יציאת מצרים ביזן סוף פון תורת משה גייט א דורך ווי א לייט מאטיוו דער געבאט אז דאס פאלק ישראל זאל באהאנדלען גרים: מענטשן פון אנדערע פעלקער, וואס וווינען אין ארץ ישראל, מיט רחמנות און פריינדשאפט. זעקס און פירציק מאל ווערט איבערחזרט דער געבאט אין תורת משה און יעדעס מאל איז די באטאנונג „כי גרים הייתם בארץ מצרים“: ווייל פרעמדע זייט איר געווען אין לאנד מצרים. (בבא מציעא נ״ד, ויקרא רבה פל׳ ב־ה׳) די כסדרדיקע דערמאנונג האט משה רבינו באנוצט צו סאציאליזירן זייער נאציאנאליזם, מחמת דער קאמף קעגן די מצריים איז געווען א נאציאנאלער האט משה רבינו מורא געהאט אז זייער נאציאנאליזם וועט פארוואנדלט ווערן אין קסענאפאביע: פרעמדן־האס, און וועט ניט זיין בעסער ווי דער מצרישער אנטי־נאציאנאליזם, וואס האט באהאנדלט מיט אכזריות און פיינדשאפט די פרעמדע איינוווינער. צום געפיל און געוויסן פון פאלק ישראל האט משה רבינו אפילירט — „וגר לא תלחץ ואתם ידעתם את נפש הגר כי גרים הייתם בארץ מצרים“: איר זאלט ניט אונטערדריקן דעם פרעמדן, ווייל איר זייט געווען פרעמדע אין

לאנד מצרים, ווייסט איר דעם געמיט־צושטאנד פון א פרעמדן וואס ווערט אונטערדריקט. (שמות כ״ג) און אויף דעם וואס די באצווינגער האבן פרעטענדירט אז זיי טוען דאס וועגן זייער ליבע צו די מענטשנדיקנדער, כדי צו באפרייען זיי פון קאנפליקטן און פארניכטונג. וואס קומט פון פארשידנקייט, האט משה רבינו אנגעוויזן אז דער אלמעכטיקער באנוצט ניט זיין ליבע ארויפצוצווינגען אויף א פרעמדן צו אים זיין אלמעכטיקייט, נאר „ואהב גר לתת לו לחם ושמלה״: ער האט ליב א פרעמדן צו געבן אים ברויט און א קלייד. אזוי זאלט איר ליב האבן דעם פרעמדן וואס וועט ווינען אין אייער לאנד, איר זאלט אים געבן עסן און א מלבוש, ניט אים מזכה זיין מיט אייער דענקן און לעבנסשטייגער, ווייל פרעמדע זייט איר געווען אין לאנד מצרים, (דברים י׳) און די מצריים האבן געוואלט ארויפצווינגען אויף אייך זייער דענקן און לעבנסשטייגער אנשטאט צו געבן אייך שפייז און קליידער. ערשט איצט, נאך דריי און א האלבן טויזענט יאר הייבט־אן דער עכא פון די צעשמעטערטע מצרישע שקלאפן קייטן אריינצודרינגען אין די מוחות פון די אומות העולם, ערשט איצט באגינען זיי איינצוזען אז טאלעראנץ צום דענקן און לעבנסשטייגער פון אנדערע אדער סאציאלע נאציאנאלקייט איז דער פארבאדינג פון א וועלט שלום.

## יוסף הלל לעווי

### מרור זה . . . *

מרור זה, נישט אויסגעפעלט מיר
האָסטו אַלע יאָרן לאַנג,
פאַרשטעלט מיר — איבעראַל געטריי
ווי אַ מאַמע יעדן גאַנג.

האָט אַמאָל אַ גרויסע שמחה
אין מיין לעבן אויפגעטאָגט,
האָט מיין גורל ווי אַ מומחה
זי מיט מרור שוין פאַרבראָקט . . .

וואָס מיט מיר נישט אַלץ געוואָרן,
איז אין יעדן כלל, און פרט, —
האָב איך נישט געדאַרפן שפּאָרן
מרור, כ׳האָב גענוג געהאָט.

איז דערפאַרביים סדר־עסן
ווען מיט גוטסקייט כ׳בין באַקרוינט, —
מיר דער מרור נישט דערעסן,
כ׳בין צו אים שוין גוט געוווינט . . .

---

* דאס איז פאָרגעליינט געוואָרן ביי די שבת־נאָכמיטאָגס אין דער וואָך געווידמעט דער יאָרצייט פון פאָעט י. ה. לעווי.



## ר. היישעריק-פוקס

### „שקעלעטן״ אין ישראל

(געווידמעט דעם „בר־מצווה״ יאר פון מדינת ישראל)

שקעלעטן פון שטאל און אייזן
טוען זיך טעגלעך באווייזן —
דער חלום פון טויזנטער יארן
פארפלייצט ערד ביז העכסטן גארן!

דאס זיינען קיין שקעלעטן פון פארניכטונג,
נאר עס בויט היינט א פאלק, פון דיכטונג
מיט שוויס, און מיט אייזערנעם ווילן;
באצאלט מיט קרבנותדיקע געפילן.

גענוג שוין ווי פרעמדע געליטן,
מיט בלאטע און שטיינער באשיטן;
עס בויט זיך אַ מדינה א נייע
פון יידן גייסטיק רייכע און פרייע.

און ווער געגלויבט האט אין דעם נס
זאל טון מיט דער האנט אויך א טרעס,
ווייל עס וואקסט שוין א גאנץ נייער דור,
וואס זינגענדיק גייט אין א כאר.

און פון שקעלעטן מעכטיקע, גרויסע,
וואקסן פאבריקן אויף ערד דער הייסער:
ס׳בויט זיך א לעבן א נייעס
פון ישראלס שקעלעטן — א פרייעס.

מיר בויען שקעלעטן פון אייזן,
און דאס זאל דער וועלט אויך באווייזן,
אז נישט מיט פארניכטונג און פלאמען,
נאר דורך שוויס און ארבעט צו זאמען.

עס וואקסט פון שקעלעטן, אין לענג און אין ברייט,
מעכטיקע פאבריקן און הייזער צעשפרייט:
ס׳בויט א פאלק, וואס טויזנטער יארן
געוואנדערט עס האט דורך האס און צארן.

מיר בונדן קראַנצן פון בלומען —
פון שקעלעטן — העלדן ארויסגעקומען;
דורך טויזנטער יארן און חלום —
אַ לאנד פאַר ישראל און פאר שלום!

**משה בעקערמאן**

# ב י א ל ע

(אירע אייגנארטיקע טיפן פון דער פארגאנגענער צייט)

## אבעשיכע — ווער איז זי ?

אבעשיכע איז נישט געווען די איינציקע פרוי, וואס האט געטראגן דעם עול־פרנסה אויף אירע פלייצעס, אבער זי איז, אין פיל הינזיכטן, געווען אנדערש פון די איבריקע הענדלערינס.

ביאלע האט שטאלצירט מיט איר מארק און אויך מיטן מארק־סאד, וואס האט זיך געפונען אין דעם מארק. דער דאזיקער סאד איז געשטאנען נישט אין צענטער פון מארק, נאר נאנט צום מאגיסטראט, אזוי, אז בלויז דריי זייטן פון מארק האבן זיך פארנומען מיט האנדל. די צפון־זייט פונם סאד איז געווען נישט ווייט אוועק פונם טראטואר, וואו עס האט זיך געפונען די „פריסוסטווע", די פאטשט, דער מאגיסטראט און די „קאזע", וואס איז געשטאנען אויפן ראג פון רבינס גאס. דארט האט מען ארייננעזעצט קליינע פארברעכער, ווי שכורים, וואס האבן זיך דארט אויפגעניכטערט איבערנאכט — אויב קיינער האט זיי נישט ארייננעליפערט קיין מאנאפאלקעס — און קעשענע־גנבים אדער א צעבלוטיקטן גוי נאך א געשלעג...

פאר ערנסטע פארברעכער האבן מיר געהאט, גאט צו דאנקען, א נייע טורמע אויף דער ראבענאווער גאס.

איך געדענק גוט דעם מארק־סאד, ווייל ווען דער צאר ניקאליי דער צווייטער האט זיך אפגעפראוועט מיט די קאראנאציע־שמחות האט ער באזוכט ביאלע. דאמאלס איז דער סאד געווען אנגעפאקט דערשטיקט צו ווערן און מיר, קינדער, זענען צוגעשטופט געווארן צו די אייזערנע גראטעס. אבער מיר האבן געהאט דעם כבוד צו זעען דעם צאר מיט דער צאריצא פארבייגיין גאנץ נאנט לעבן אונז.

זומער־צייט איז די מזרח־זייט פון מארק געווען די פרנסה־געבערין פאר אלע ווייבער, וואס די נויט האט זיי געצוואונגען צו פארדינען אויפן שטיקל ברויט. דארט האבן זיי געהאנדלט מיט מילכיקס, מיט גרינוואַרג, אויבס, געבעקס, קאלטע סאדע־וואסער און אזוי ווייטער דער געשמאקער, פרישער ריח פון די זעמל, ווארעמע זעמל, פון די קייזלעך און, שפעטער, פון די „גבילקעס" (קליינע, ווייכע בארנעלעך) האט זיך צעטראגן איבערן גאנצן מארק.

אויף דער מערב־זייט, ווידער, אנטקייגן דעם אפטייקער, דעם זיינער־מאכער און אנדערע רייכע געוועלבער, פון וועלכער מען האט שטענדיק געזען אריינגיין און ארויסגיין בעסער־געקליידטע קונים ווי די, וועלכע מען האט באגעגנט אויף דער מזרח־זייט פון מארק, וואו ס'האט זיך געפונען דער מאנאפאל, א הערינג־געוועלב, די טשיינע און דער טאבאטשניק, וואס האט אויך פארקויפט קאיעטן, טינט און אנדערע שרייבגעצייג. אויף דער מערב־זייט און מארק האט מען אויף שטעלעס צעלייגט א גאנץ אנדער סחורה. דארט



האט איר געקענט קויפן שניט־סחורה, ווי ציץ מיט פארשידענע בלימלעך און פאסיקלעך און קעסטעלעך, לייוונט באטיסט, „טשארטאוועקאזע" (אזא מין שווארצע, גלאנציקע סחורה פאר כאלאטן) און אזוי ווייטער.

ווינטער זענען די מארק־יידינעס געזעסן איבער פייער־טעפ, וועלכע זענען געווען ארומגערינגלט מיט די לאנגע קליידער ביז דר'ערד, נישט אויסצוזאגן דעם סוד פון זייער מיסיע... דאמאלס האט איר געקענט זען אויף די שטעלעס נאפט, הייסע ארבעס, סמאלע, קוואס־עפל, „זשעגאכץ" אנצושמירן די רעדער, זיי זאלן נישט סקריפן, און ווארעמע לאבנס ברויט, וואס זיי פלעגן אליין באקן איבער נאכט.

דער דרום־טייל פון מארק, וואס האט זיך געצויגן ביז דער יאטקע גאס, האט קיין שטעלעס נישט געהאט. דארט האבן זיך שטענדיק ארומגעדרייט כל־המינים הענדלער און מעקלער, גוים, וואס האבן געברענגט פערד און קעלבלעך צו פארקויפן און פאריאכמערטע יידן מיט ארויפגעשארצטע היטלען אויף דער פאטילניצע, וואס זענען געלאפן פון איין קונה צום צווייטן, טאמער וועט זיי גאט העלפן צו פארדינען עטלעכע גילדן. די גוים האבן פון זייערע פערד און קעלבלעך נישט געקענט אפטרעטן... פערד לאזן זיך פירן ביי דער נאז אפילו פון א פערד־גנב...

די מארק־יידינעט זענען באשטאנען פון צוויי קאטעגאריעס: אלמנות, וואט דער מאן האט זיי פארזארגט מיט עטלעכע פיצלעך קינדער, וועמען זיי האבן געדארפט דערנערן און פרויען, וואס האבן געהאט אי מענער אי פיצלעך קינדער... אבער די דאזיקע מענער זענען נישט געקומען אויף דער וועלט צו ארבעטן. זיי האבן זיך פארנומען מיט העכערע ענינים... פלעגן זיי טאקע די צייט, וואס זייערע פרויען האבן זיך געמאטערט מיט פרנסה, זיך שאקלען אין בית־המדרש אדער בחדרי־חדרים אין דער היים איבער ספרים. די ווייבער האבן דאס אנגענומען פאר ליב און געהאט גרויסע האפנונגען פאר דער צוקונפט...

גאנץ אפט האבן די עולם־הבא יידן געדארפט, אומדירעקט, העלפן זייערע ווייבער. נאך אלעמען, קען מען דאך נישט לאזן א זויג־קינד זיך צערייסן פון געוויין! דאס מיינט נישט, חלילה, אז ער האט געדארפט איבערדייסן זיין לערנען, ער האט געדארפט פילעווען דאס פלעשל מילך זאל זיך נישט ארויסגליטשן פון מיילכל. און אויב דאס ארימע קינד האט נישט געגליבן קיין קאלטע מילך און נאך אלץ געוויינט, האט דער תלמיד־חכם מיטן גמרא־קאפ פארטראכט א פארטל: מיטן פוס האט ער געשאקלט דאס וויגעלע און מיטן איבריקן טייל פון קערפער האט ער זיך אליין געשאקלט. טאמער איז דאס קינד געלעגן אין א הענג־וויגעלע, האט ער זיך אויך אן עצה געגעבן: ער האט זיך אוועקגעזעצט מיטן רוקן צום וויגעלע און אזויערנאך האט ער, ווי מען זאגט, געשאסן צוויי פייגל מיט איין שאס; אדער בעסער געזאגט — מיט איין שאקל.

אין שבתים און יום־טובים זענען די מארק־יידינעס געקומען אויס־געפוצט אין זייערע שבתדיקע מלבושים און פארנומען זייערע פלעצער אויף די אונ־

טערשטע בענק אין דער ווייבערשער שול. די אויבערשטע בענק זענען, נאטירלעך, געווען רעזערווירט פאר די ווייבערשע „פני״: די רביצין, די גבאיטע, די חזנטע און די איבריקע ווייבער פון רבינס גאס. זיי זענען דאס געווען די וועגווייזער ווען זיך אויפצושטעלן און ווען זיך אנידערצוזעצן; ווען צו וויינען אויף א הויך קול און ווען שטילערהייט.

מיט אבעשיכען איז געווען א גאנץ אנדערע געשיכטע. קיינער האט נישט געוואוסט פארוואס מען רופט איר ביי דעם נאמען. לויט די אנגענומענע כללים, האט זי געדארפט ירשענען דעם נאמען פון איר מאן—אביש. אבער קיינער געדענקט נישט איר מאן אדער ווען זי איז אן אלמנה געווארן אדער אפילו אלס מיידל. פון איר אויסגעדארט, צעקנייטשט פנים איז שווער געווען צו טרעפן איר עלטער. דאך בין איך מיט דער מיינונג, אז זי האט אמאל ערגעץ געמוזט האבן א מאן, ווייל וואלט זי געווען א פארזעסענע מיידל — דאסווארט „מויד״ פאסט זיך עפעס נישט צו איר פיזיאנאמיע — וואלט איר פערזענלעכער צונאמען געווען אנטוועדער „שמאטניצע״ אדער „די ביינערדיקע״. און אויב, למשל, לויטן מקור וואלט מען זי גערופן „ביילע דעם קצבס״, וואס וואלט קלאר געמאכט, אז נישט איר מאן, נאר איר פאטער איז א קצב. אויב, ווידער, זי וואלט זיך פאררופן אויף איר מאן, וואלט איר צונאמען, אן שום ספק, געווען „ביילע די קצבטע״.

אבעשיכע איז געווען די איינציקע אין שטאט וואס האט געהאנדלט מיט שמאטעס און ביינער, און איר הולך האט זיך צוגעפאסט צו איר האנדל.

אין דער קינדערשער פאנטאזיע זעען דערוואקסענע מענטשן אויס אסך העכער ווי אין דער ווירקלעכקייט, אבער זי האט, ביי אונז קליינווארג, אויסגעקוקט אזוי קליין, אז ווען זי וואלט נישט געהאט אזא גערינצלט פנים, נישט געווען אזוי אויסגעדארט און נישט ארומגעשלעפט זיך איבער די גאסן מיט אן איינגעבויגענעם רוקן, וואלט מיר גרייט געווען צו שפילן מיט איר אין „קנעפלעך״, ניסלעך, „קאסשאנעט״. און ווען צווישן אונז וואלט נישט ארומגעשוועבט פייגעלע יאמל דעם סטאליארס טעכטערל, מיט אירע פוצקע בעקעלעך און קארשן אויגן, וואלטן מיר זיך אפילו געשפילט מיט איר, מיט אבעשיפען אין „טאטע־מאמע״ אויך. און צוריקגעשמועסט — אפשר נישט...

אייגנטלעך, איז איר הויפט־האנדל געווען ביינער. פון שמאטעס, ווייזט אויס, האט זי קיין גרויסע גליקן נישט דערווארט. ארימעלייט ווארטן נישט אזוי אפט אוועק די מלבושים, וואס זיי באקומען אמאל פון די רייכע היזער. ווען זי וואלט געווארט ביז פון די מלבושים וואלט געווארן שמעטעס, וואלט זי דערווייל געדארפט אויך לייגן די ציינער אויף דער פאליצע. א ביין פארוואלגערט זיך אמאלביים גרעסטן ארימאן.

אין די ווינטער־מאנאטן האבן מיר אבעשינען נישט באגעגנט זער אפט. ס׳קען זיין אין די שפעטערע ווינטער־מאַנאַטן האָט זי געמוזט בלייבן אין שטוב. לויט איר איינגעפאלענער ברוסט, מיין איך, אז זי האט געמוזט הוסטן אסך...



ווי נאר די פרעסט האבן נאכגעלאזט, דער שניי איז צעגאנגען און די נישט־ברוקירטע גאסן האבן אנגענומען זייער נארמאלן כאראקטער, מיט זייערע טיפע בלאטעס און קאלוזשעס, האט מען איר ווידער געטראפן ארומשלעפן זיך אויף די הייפלעך פון די פארמעגלעכע בעלי־בתים אויפן רבינס גאס און אויפן רבינס הויף. כמעט אלע באהעלפערס פון שטאט האבן געגעסן „טעג״ אויף יענער גאס. די דינסטן האבן שוין געזען דערצו, אז די באהעלפערס זאלן נישט אוועקגיין הונגעריק פון טיש... און זיי נאך אנשטאפן די קעשענעס מיט שטיקער ברויט מיט פוטער אדער איינגעמאכטן.

אין די יידישע גאסן איז אבעשיכען געווען לייכטער צו קלויבן ביינער. זי האט געקענט פראנק און פריי ארומנישטערן ארום די מיסטבערגלעך. אין קיין יידישע הייזער זענען קיין הינט נישט געווען... גאנץ אנדערש איז געווען איר „ארבעט״ אויף דער בריסקער גאס, יאנאווער גאס און די געסלעך אויפן וועג צום מעזריטשער שאסיי. אויף יענע גאסן האבן געוואוינט דער אפטייקער, דער שטאט־דאקטאר, דער וואויענער דאקטאר, אלע שרייבער — אפילו דער קליינער, הארבאטער שרייבער — פון מאגיסטראט, די לערער פון דער „פעדאגאגע״, דער „חזירניק״, וואס האט פארשטונקען א האלבע מעזריטשער גאס מיט די געווענדזלטע לאנגע, פלאכע שטיקער קאלבעס פון זיין געוועלב; און די שטיקער חזיר, וואס האבן זיך געקאכט אין גרויסע קעסלען אויף זיין הייפל הינטערן געוועלב. קיין הינט האט שוין אין יענע גאסן נישט געפעלט...

בכלל, איז אבעשיכע געווען אין פריינטלעכע באציאונגען מיט די כלבים פון יענער געגנט. זיי האבן אנערקענט דעם פרינציפּ פון פרידלעכער צוזאמענלעבונג צווישן הונט און מענטש לאנג בעפאר דער פראבלעם צווישן מענטש און מענטש איז ארויף אויף דער טאג־ארדנונג. און אז דער „היצעל״ האט, על־פי־טעות, אויפגעכאפּט אין מארק א הונט און אויף זיין ארט האט זיך באוויזן א „פרעמדער״, האט שוין אבעשיכע געהאט דעם ריכטיקן פסיכאלאגישן צוגאנג צו אזא כלב ביז זי האט אים „אריענטירט״ אין זיין נייער סביבה.

שפעט אין טאג האט זי זיך צוריקגעשלעפט א מידע מיט א פולן זעקל אויף אירע ביינערדיקע פלייצעס, איינגעבויגן אין דרייען. דאמאלס זענען די אדערן אויף איר דינעם האלדז און אויסגעדארטן פנים געווען שטארק אנגעצויגן, ווי סטרונעס; ווי זי וואלט געשלעפט א שווערן וואגן הינטער זיך... און יעדעס מאל וואס זי איז אריינגעטרעטן מיט אירע דראבנע טריט אין א פרישער קאלוזשע, וואס די רעדער האבן געמאכט אין די טיפע בלאטעס, איז איר לאנג קליידל אלץ מער באשפריצט געווארן מיט פרישער בלאטע.

די יאטקע־גאס האט אויך פארמאגט א היבש ביסל ביינער, אבער די קצבים האבן נישט געהאט קיין צייט פאר אבעשיכען און זי איז נישט געווען פון דעם סארט צו „לייגן זיך אין בלאטע״ צוליב עטלעכע ביינער... דעם אמת געזאגט האבן אמאל די קצבים יא געגעבן אפאר ביינער צו אן ארימער אלמנה אדער א פרוי, וואס איר מאן איז, נעבעך, געלעגן און געהאלטן אין איין הוסטן... — אויסצוקאכן פון וועלכע מען האט נאך געקענט אפּסקראבען גענוג

פלייש אויף א שבתדיקן מאלצייט. אבער די ביינער, ווי, בכלל, די ביינער פון די ארימע הייזער, זענען געקומען צו אבעשיכען דורך אונדז קליינוואַרג. מיר האבן געהאט מיט איר א מין „דזשענטלמענס אפמאך": מיר האבן גענדאַרפט אכטונג געבן, אז די ביינער זאלן נישט אריינפאלן אין די לאפעס פון היימלאזע הינט, וואס וועלן זיי אוועקשלעפן ווייט הינטער דער שטאט, און זי האט זיך אונטערגענומען אפצוקויפן ביי אונדז וויפל מיר וועלן ברענגען.

איך האב קיינמאל נישט געקענט פארשטיין פארוואס די הינט לויערן ארום די ארימע שטיבלעך פון דער קוילער גאס, די פראסטע גאס און אנדערע געסלעך אין יענעם קווארטאל. וואס, אייגנטלעך, האבן זיי דערוואַרט אפצולעקן פון א ביין פון די ארימסטע הייזער?

פאר אונדז, קינדער, האט דער „אפמאך" געהאט א גרויסע באטייטונג! אונדזערע עלטערן האבן נישט געהאלטן פון דער היינטיקער מאדע: „קעשענע געלט" פאר קינדער. און אז מען גייט פארביי דער יידישע אויפן שול־הויף און דער רייצנדער ריח פון די פרישע, דארע קיכלעך מיט אסך צוקער, די גרויסע טאץ מאנדלען און די „איריסלעך" גיבן א מאדנעס קיצל אין נאז, און מיר קענען בלויז שלינגען די אלע גוטע זאכן מיט די אויגן... — אונטער אזעלכע אנגעשטרענגטע אומשטענדן האבן מיר פשוט מורא געהאט צו דינגען זיך מיט איר איבער אפאר גראשן.

און אז זי האט אונדז נאך דערלויבט אויסצופארטירן אין איר „סקלאד" — א קליין הייפל פול מיט אנגעווארפענע פעק ביינער — איר סחורה: רינדענע, קעלבערנע און שעפסענע ביינער אין באזונדערע גרופעס, איז דאס מער ווערט געווען ווי געלט. פון די אנדערע מארק־יידינעס פלעגן מיר אפילו אויך אמאל באקומען א וויכע בארנע אדער אפאר פלוימען, אבער דאס האט נאר פאסירט דאמאלס, ווען א קויש אויבס איז צעשאטן געווארן איבערן מארק און מיר פלעגן ארומקריכן און אויפקלויבן די סחורה.

אבעשיכען האט מען אויך קיינמאל נישט געזען אין דער ווייבערשער שול. מען האט איר, בכלל, קיינמאל נישט געזען אין קיין אנדערע מלבושים. שטענדיק אין די טונקל־קאלירטע, זומער מיט א ציצענע, ראגאווע, בלימלדיקע פאטשיילע אויפן קאפ, פארבונדן אונטער דער גאמבע אין א שלייפל און ווינטער מיט א וואלענער, אריבערגעלייגט אויף צווייען צו פארמירן דריי עקן. די פאטשיילע האט געהאט גרויסע סקווערן פון א העלערן קאליר, וועלכע האבן זיך גראדע נישט צוגעפאסט צו איר פיגור. בלויז איין סקווער האט פארדעקט איר גאנצע פלייצע.

א געדאנק פלעגט זיך אמאל ביי מיר פארגנבענען: אפשר איז זי גאר נישט קיין יידישע פרוי? איי, וואס זי רעדט יידיש? — איז דאס אבער נישט קיין ענטפער. יאנעק דער שבת־גוי און מארושא די שבת־גויע האבן אזוי גוט גערעדט יידיש, אז אין זייער געגנווארט האט מען זיך גענדארפט פילעווען מיט יעדער קללה אויף די גוים. און וואס איז מכח די עטלעכע קריסטלעכע דינסטמיידלעך? ווען זיי פלעגן העלפן אנטון און וואשן די קינדער צו גיין אין



חדר אריין, האבן זיי דאך אויסגערעדט זיך זייערע הערצער פאר די באהעלפערס — יידיש!

איידער איך האב פארלאזט ביאלע האב איך אויף די פראגן — ווער איז אבעשיכע? ווען און פונוואנען איז זי געקומען? — קיין קלאר ענטפער נישט באקומען.

## מנשה ווייסגראז

## אין זכרון פון שמואל זיגעלבוים׳ס ערשטער יארצייט

ביי דער געלעגנהייט צום איבערפירן דאס אש פון שמואל (ארטור) זיגעלבוים קיין ניו יארק וויל איך פאלגענדעס דערמאנען: דעם ערשטן יארצייט נאך שמואל זיגעלבוים אין 1944, האבן אפגעהאלטן „פריינט פון יידיש לשון". ביי „די ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס", האט אליהו פאלושאק גערעדט איבער דעם פארשטארבענעם. און א. נ. שטענצל האט פארגעליינט א ליד. פון אלע בונדיסטען וואס זענען געווען אין לאנדאן, טראצדעם וואס עס איז געווען אנאנסירט און דער צייטונג, זענען נאר געקומען ד. ח. נתן גוטער ע.ה., מינדעל און בירנבוים, ביים „געלזל טיי" האט אונדזער דאמאלסדיקער פרעזידענט, משה עובד ע.ה. פארגעשלאגן מיט דער צושטימונג פון גאנצן עולם, מען זאל מארגן זונטיק לייגן בלומען אויף דעם קעסטעלע אש, וואס געפינט זיך אין קרעמאַטאריום גאלדערס גרין און מען האט מיר צוגעטיילט דעם כבוד צו קויפן די בלומען, און אהין צו טראגן אין קרעמאטאריום. זונטיק אין דער פרי בין איך געפארן אין קרעמאטאריום. הייב אן צו פרעגן, (דעמאלט מיט מיין ענגליש לשון) ווו געפינט זיך דאס קעסטעלע אש פון א. זיגעלבוים, אלע האבן געהויבן די פלייצעס, זיי ווייסן נישט. קוים וואס איך האב געפונען עפעס א גלחל, אדער א שמש, וואס האט יא עפעס געוווסט, און האט מיך אַראָפגעפירט אין א קעלער. אראפ גייענדיק אפאר טרעפלעך האט ער מיר געוויזן אט דא שטייט דאס קעסטעלע אש. איך האב ארויף געלייגט א פאר בלומען אויף דעם איינזאמען קעסטעלע, און בין געוועזן צו פרידן וואס איך האב מיין שליחות אויסגעפירט בשלימות.

## שמואל ווהייט

## א באוואונדערונג

אין הוילער באוואונדערונג,
זע איך די פרעכטיגקייט,
וואס שפיגעלט זיך אין דער בלום.
יעדע פעטלע, יעדער קנאספ,
יעדעס אָדער־בלעטעלע,
באזוימט מיט געצוקטע שפיצעלעך,
דערציילן דיין גרויסקייט;
דער פארבען נויאנס —

— דערפארפיומען דופט,
סוד׳ען דיין מייסטערהאפטעס שאפן.
שטיי איך מיט יראת־הכבוד
באוואונדער דיין שעפפערישע מאַכט,
פיל איך מיך געגרויסט
אז איך בין אויך ס׳קליינער טייל,
פון דיין ערהאבענער יצירה.

## א. נ. שטענצל

# מיין ערשטע נסיעה

יאָ, אַז איך טראַכט פון מיין היים, טראַכט איך פון טויט. אָבער וואָס ווייסן מיר אַזוינס דערפון, כאָטש אַלע ספרים זיינען פול דערמיט.

דער טאַטע פלעגט מיר דערציילן, ער איז געווען ביים „חסד לאברהם״, אין דער שבעה־וואָך פון זיין ליבסטן זון, ר׳ מלכל, האָט ער געזאָגט: „אייגנטלעך וואָס האָט מען באַדאַרפט מצווה צו זיין אויף אבלות? מען טרויערט דאָך פון אליין; עס טוט דאָך וויי. אָבער״, האָט דער רבי געענדיקט, „אַן דער ציווה וואָלט מען אויסגעגאַנגען פון צער, אַזוי האָט מען שמחת המצווה״.

אַז כ׳טראַכט פון מיין היים, טראַכט איך פון טויט, און ערשט, ווען עס קומען אָן די אַפּריל טעג, אונזער אַלעמענס גרויסע יאָרצייט: „יתגדל ויתקדש״ געהייליקט און געגרויסט זייערע נעמען — —

אָבער זע, ביי א מצבה־שטיין שטייט אַ ווייענענדיקע מאַמע, זי קלאָגט, זי שלאָכצט און מיטאַמאָל, אינמיטן אין איר פּינסטערן טרויער, לייכטן אויף אירע טרערן־נאַסע אויגן און זי הייבט אָן צו דערציילן, ווי שיין איר איינציקס איז געווען, ווי קלוג; זיינע קלוגע ווערטלעך זי נעמט נאָך זאָגן, פאַרגעסנדיק אינגאַנצן אַז איר דערוואַקסענער איינציקער איז שוין גאָר טויט; זי רעדט פון אים ווי פון אַ לעבעדיקן...

1

אַלע יאָר, אַז די־9־טעג פלעגן אָנקומען, האָט דער טאַטע זיך גענומען גרייטן צו דער „נסיעה״. דאָס גאַנצע הויז האָט זיך געפּאָרעט. קודם דאָס דינגען ס׳פערד און וועגעלע, וואָס זאָל פירן פון טשעלאַדזש קיין בענדין, ביז צו דער אַלטער סטאַציע; דאָס צוגרייטן דעם צידה־לדרך; דאָס פּאַקן דעם טשעמאָדאַן, אַז אַלץ זאָל אַריין און ס׳זאָל זיין צו דער האַנט; וואָס ס׳איז נויטיק שוין אין וועג, פון אויבן, און וואָס ערשט שפּעטער, טיף אין די זייטן. דעם טלית און תפילין מיט זיינע ספרימלעך האָט דער טאַטע גאַנץ אליין צום סוף צוגעלייגט אין דער הייך. ביז צו דער לעצטער מינוט האָב איך געהאַלטן אין איין קוקן אים אין דיר אויגן אַריין, צי נעמט ער מיך טאַקע מיט.

ווען כ׳בין געוואָרן אַ חומש יינגל האָט מיך דער טאַטע שוין אויך מיטגענומען קיין טשעסטעכעוו אויפן זיידנס יאָרצייט, ר׳ שלמה דיין, זצ״ל, וואָס איז אויסגעפאַלן ערב־תשעה־באב. אין איין וועגס האָט דער טאַטע שוין אויך געהאַלטן שבת־נחמו ביים רבין אין ראַדאָמסק.

מען קאָן זיך פאָרשטעלן, וואָס פאַר מיר האָט באַדייט אָט די נסיעה. ביי מיר אין קאָפּ האָט זיך שוין אָנגעהויבן דער יום־טוב מיט די־דריי וואָכן! ראשית דאָס פאָרן אויפן וועגלע ביז בענדין, און דערנאָך די קליינע קאָלע, דער גרויסער צוג און דאָס אומשטייגן אין „זאָמקעוויץ״.

כ׳האָב כסדר געהערט ווו די מאַמע זאָגט אָן דעם טאַטן: „למען השם אין ,זאָמקעוויץ׳, ביים ,איבערשטייגן׳, גיב אויף אים אַכטונג, האַלט אים פעסט ביי דער האַנט״.



איך האָב מיך געמאַכט, ווי כ׳הער גאָר נישט, אַ שטילער טרושיקל בין איך געווען די טעג: לאָמיר נאָר האַלטן ביי אריבערשטייגן (אַזוי איז עס ביים מיר אַרויסגעקומען) פלויטן, דעכער, צוימען — — ווייטער האָב איך שוין נישט געקענט מער טראַכטן, דער קאָפּ האָט זיך מיר גענומען דרייען.

טאַקע נאָר אליהו הנביא קאָן נאָר אַזוי אויסזען, ווי דאָס פייערל וואָס שטייט אין דער טיר מיט דער ביציסקע אין דער האַנט און מיטן פאָוורוס אַרומגעגאַרטלט. איך פאַרשטיי נישט ווי אַלץ קאָן נאָך צוגיין אזוי פאַמעלעך און אַזוי רואיק: נאָך האָט מען געמוזט דאָס צונעמען, דאָס אַרויפצולייגן...

שוין, איך זיץ שוין אין וועגעלע. די מאַמע מאַכט מיר גלייך ס׳היטעלע, און זאָגט דעם טאַטן אָן אויף מיר גוט אַכטונג צו געבן.

איך בין אַ פענכער צום אויפפּלאַצן, א באַלאַנדל פון שטריקל זיך אָפּצוּרייסן, אָבער איך זיץ סטאַטעטשנע שטיל, מיטן קאָפּ קיין ריר נישט, דער דאַשעק זאָל בלייבן פאַזע די נאָז, אזוי ווי די מאַמע האָט אים צורעכט געמאַכט. זאָל זי בפירוש זען, אַז איך בין שוין א גרויסער און מ׳קאָן זיך אויף מיר פאַרלאָזן. און זאָל זי נאָר נישט מורא האָבן מיט איר „אריבערשטיין״ אין זאָמקעוויץ...

שוין, דאָס פערדל רירט זיך שוין, מיין שוועסטערל מיט א פּאָר פון אירע חברטעס לויפן א שטיקל נאָך, מיין חבר אברהם הענגט זיך נאָך אויפן דרענגל. די באָבע שטייט אויף דער שוועל און שעפּטשעט עפּעס נאָך.

עס הילכט פּוסט־אויסגעליידיקט. דער פּאָמניק אינמיטן מאַרק שטייט אַ באַהאַלטענער אין אַזאַ הייסן טאָג צווישן די פּאָר ליפּעס, ברייט־צעוואַקסענע. אין די קאָזע אויבן לויפט ווער צו צו די גראַטעס און שרייט און וואַרפט מיט די הענט.

מיר פאָרן שוין אַרויס פון אויסגעברוקירטן מאַרק. אין ווינקל ראָג, פאַר זייערע געוועלבער, שטייען דער אַלטער לייבוש גוטמאַן און יאַנקל היידע, זייער נאַכווונקן ווערט נאָך פאַדטאַקעוועט פונם פערדלס פאַדקאָוועס.

פאָרן לעצטן הויז אויפן בענדינער וועג, פאַר מענדל גרויצערס בירסקלאַד, שטייט מיין עלטערע שוועסטער מיט איר חברטע, שנעל אַ היימצולויפן מיט פרייד: מיר זאָלן אַלע אַזוי געזונט זיין ווי מיר האָבן זיי נאָך געזען.

איך האָב מיך נאָך אַלץ נישט קיין ריר געטון, עס איז נישט מער מחמת דעם דאַשעק... עס איז אזוי שמונה־עשרהדיק שטיל, דאָס פערדל לויפט בלחש אין פליטקע זאַמד, ביז ס׳גיט זיך מיטאַמאָל אַזאַ מין דריי מיט אַ שאָקל, אַזש די דריי פאַרשוינען שפּרינגען מיט אונטער דאָס וועגעלע איז אַרויף אויפן ברייטן שליאַך.

אַ זון־אויסגעטרוקנטער געל־ליימיקער וועג, ליגט ער, ווי אויף אַ דלאָנע מיט פאַלטן און פעלטלעך, צווישן וויגנדיקע הויך־שטייענדיקע תבואה־פעלדער, וואָס ציען זיך ביז גרויצע און גזשיכעוו פון איין זייט, און מיט גרין־סאַמעטענע אָפּגעבליטע קאַרטאָפל־בלעטער, אַטלעס זיידענע ריבן־בלעטער פון דער אַנדער זייט. די קאַרטאָפל־שורות הייבן זיך העכער, בערגלדיקער, און דאָרט

ערגעץ פאַלן זיי טיף אַראָפּ און ווערן ווו פאַרפאַלן, אפשר אין א קוילן גרוב.

איבער אונז, אין דער הייך אַן אומענדלעך בלויער הימל, אָן א פלעקעלע; עפעס אַ פיטשעדיק פינטעלע דאַכט זיך זעט זיך יאָ, עס זינגט, זינגט, אזש דאָס חיות גייט אויס. דאָס קליינע לערכע פייגעלע זעט זיך נישט, און איך בין זיכער אַז דאָס זינגען די גאָלדענע זאַנגען, מיט די געבויגענע שווערע קעפּ, וואָס האַלטן זיך אין איין שאָקלען און דאַוונען.

דער טאַטע זאָגט מיט מיר תפילת־הדרך! דאָס וועגעלע שפרינגט מיטאונטער — פון איין פאַלטן־פאַרטרוקנטער וועג־ליניע אין אַ צווייטער. דאָס פערדל פון פאָרנט, וואָס גייט פאַרטראַכט ווי אין טיפע כוונות, שמייסט זיך מיט אַזאַ ריגזא מיטן עק, ווי עס וואָלט נישט געוואָלט פון קיינעם געשטערט ווערן.

דער ערשטער צלם איז שוין אַדורך, מיר האָבן אים נישט געזען. דעם צווייטן האָב איך שוין אָפּגעוואַרט מיט מיין פסוק און געקוקט מיט נצחון אויפן גויעלע, וואָס האָט זיך אַ פאַרשלאָפענער געוויגט אויף זיין שטרויענעם געזעס.

מיר זיינען שוין אָפּגעפאָרן איבער אַ האַלבן וועג. טשעלאַדזש זעט מען שוין נישט אַרויס און בענדין זעט מען נאָך נישט.

אַ ברענענדיקער זומער טאָג. די זון גליט. פון דער זייט פון די פעלדער פאָכעט קילבלעך, קליין ווינטעלע. אויף דער אַנדערער זייט, פון ווו ס׳גייט ממש אַ שריפה פון דער ערד, קניען פויערטעס אין רויטע טיכלעך און יעטן צווישן די קאַרטאָפל שורות; מיינע אויגן ווערן פול מיט דעם שפע־פעטן גרין, עס שמעלצט זיך, עס פרעגלט זיך, עס רינט מיר מיטן שווייס פונם רויט־צעהיצטן שטערן.

דער טאַטע דרייט זיך אויס צו מיר, קוקט מיך ווי פאַרבליפט אָן: ווי עשיו פון געיעג... ער רייסט דערשראָקן איבער זיינע מחשבות: „זעסט דעם בלויען הימל? קוק גוט. זעסט דאָס בלוי? קוק גוט אָן עס וועקט אין האַרץ אַ ליבשאַפט צו גאָט“. ער רעדט צו מיר מיט אַזאַ ליבשאַפט, אַן אַנדערע ווי אין שטוב. עפעס אַ מין נאַקענדיקע. אַן אויספגעדעקטע, אַ גלעטנדיקע — ער רעדט צו מיר, ווי צו גרויסן, ווי צו זיינס גלייכן.

עפעס האָב איך געמוזט פאַרשטיין, ווייל ער האָט אַזוי גוט געקוקט אויף מיר און אזוי טאַטעדיק־ליבלעך מיר געווישט דעם פאַרשוויסטן צעהיצטן שטערן. דאָס פויערל וואָס טרייבט דאָס פערדל האָט אויך האַלב אויסגעדרייט דאָס אויער ווי געוואָלט עפעס אויפכאַפּן, עס האָט צייט, דאָס פערדל לויפט פריילעך מיט אויפגעשטעלטע אויערן — עס גייט שוין באַרג אַראָפּ, מען זעט שוין אַרויס די „סובריע“.

ווען כ׳בין שוין עלטער געווען האָט ער מיר דאָס, אפנים, נאָכאַמאָל געזאָגט, און מיט מער הסברה, ווי עפעס מוסר צו זיין; ביואַנסירנדיק עס איןביידע זייטן, אין רוחניותדיקן ווי אין גשמיותדיקן: „זעסט דאָס בלוי, קוק עס גוט אָן, עס זיינע פאַראַן כל־ערליי, דאָס בלוי וועקט צו יראת הרוממות... אין „די 9 טעג“ זעט מען אַזאַ בלוי בחוש, פון די פלאַמען אַרויס קומט עס“...

אַראָפּ פון דער „סובריע“ איז דאָס פערדל נאָך לעבעדיקער געוואָרן — עס



איז אָנגעקומען! לויפנדיק איבער דער הילצערנער בריק האָט עס ריטמיש עפעס אויסגעפויקט מיט זיינע וואַקלדיקע פאָדקאָוועס.

די חברה פאָרמאַנעס און „באַכמאַנעס“ דערזעענדיק אָנקומען דאָס פערד־ און וועגעלע, מיט די טשעלעדזשער פאַרשוינען אזוי האָפערדיק, לעבעדיק האָבן אַרויסגעפּלאַצט א מין ווילד געלעכטער, אז די בריק האָט אזש געציטערט. דאָס גויאילע האָט מורא באַקומען און זיך גענומען מיט דער בייטש צום פערדל, אי ווי ס׳וואָלט וועלן באַווייזן זיין כוח און אי דעם כעס צו ווען אויסצולאָזן.

פון די באַכמאַנעס האָט מיר שוין מיין חבר אברהם א סך דערציילט: אברהמעלע באַכמאַן קאָן אויפעס 30 אייער מיטאַמאָל, נאָכטרינקן אַ פלאַש בראָמפן, פאַרבייסן מיט אַ גאַנצן דאָלקן. און דער נאָך הייסט ער זיך טאַפּן דעם בויך. און גאר נישט.

דעם געלן ראובן, מיט די בורקע, די בייטש אין פאַסעק, מיט דער צעפּאָרעטער רויטער באָרד, און רויטער טשופּרינע האָב איך שוין געזען אין טשעלאַדז, ער האָט געבערענגט מחותנים אויף אַ חתונה. איז ער געשטאַנען צעשפרייט מיט די פיס אויף דער שאָקלדיקע ריסאָסאַרקע און געשריגן: „גוטער ברידער, האַרציקער זיסער, אַנגעלסקי... (דאָ איז נאָך נאָכגעקומען אַ וואָרט.)

קוים דאָס פויערל האָט זיך אַדורכגעשטופּט דורך די שמאָלע געסלעך און דורכן אַלטן מאַרק און מיר זיינען אָנגעקומען צו דער אַלטער סטאַציע. דאָס פויערל האָט ארויסגעטראָגן דעם רייזע־טאַש און מיך האָט דער טאַטע געהאַלטן ביי דער האַנט. ביים פענסטערל האָט דער בילעטן־פאַרקויפער זיך ארויסגעבויגן, מיך אָנגעקוקט, צי דער טאַטע נאַרט אים נישט אויס, וואָס ער וויל פאַר מיר אַ פירטל בילעט און צו מיר געזאָגט מיט אַ גויאישן נאָכגעמאַכטן יידיש: „לערנסט שוין חומש“?

אריינקומענדיק אין וואַרטע־זאַל, ווו דאָס גויאילע האָט אויף אונז געוואַרט מיט דער רייזע־טאַש, איז אונז מקבל־פנים אַ מאָדנע יידל, מיט שפיציקע וואָנסעלעך און נאָך ששפּיציקערע אייגעלעך, וואָס שמועסט מיט אים: „מיר ווייסן שוין, מיר ווייסן שוין, טשעלעדזשער דופעס, מ׳מוז אָנשטאָפּן פאַניע גנב, עס פעלט אים אויס איר האָט זיך געמוזט באַווייזן דאָרט פאַרן פענסטערל — בענדין זאָמקעוויץ איז אונזער ליניע.“

דער טאַטע האָט זיך גאָר נישט אָנגערופן, ער האָט פשוט מורא געהאַט פאַר דעם „מאַכער“, ווי אויף דער בריק דאָס גויאילע פאַר די באַכמאַנעס. איך האָב ממש איינגעזען, אז דער ייד האָט רעכט: מ׳האָט מיך ערשט געמוזט ווייזן פאַרן פענסטער, און „פאָניע גנב“ זאָל נאָכמאַכן: „לערנסט שוין חומש“?

כ׳האָב געזען, אַז דער טאַטע פילט זיך נישט געהויבן, זיי בליק פאַרלירט זיך פינסטער אין זיין ברייטער־געדיכטער באָרד, ער האָט זי געגלעט, געקעמט מיט אַ פינגער, ער האָט עפעס געמוזט אָנהויבן צו ריידן, אַז פון דעם „עסק“ זאָל גאָר נישט ווערן, ס׳זאָל נאָך אַרויסקומען אַ שיחת־חולין־מציאהלע (וואָס דער טאַטע האָט אַזוי שטאַרק ליב געהאט): „זעסט ווי אונזערע חכמים זיינען

געווען כשר געפּרעכט, מילה בסלע, שתיקה בתרי׳, וואָלסט דו נאָר געווען געזאָגט איין וואָרט „יאָ״, וואָלט מען דיר שוין געמוזט קויפן אַ האַלבן בילעט. חומש ייִנגעלעך מוז שוין האָבן האַלבע בילעטן״.

וואָס אַן אמת האָט עס מיר זייער לייד געטון וואָס כ׳האָב נישט טאַקע געזאָגט „יאָ״, אָבער כ׳האָט דעם טאַטן איצטער אויך נישט געענטפערט, ווייל כ׳בין פאַרטון געווען, מיטן וואַרטן אויפן ערשטן קלינג; דעם גאַנצן סדר הנסיעה האָט מיט מיר שוין אברהם געהאַט געניט אַדורכגעשמועסט, — אברהם האָט געוווסט, ער האָט אַלץ געוווסט! — און ער האָט מ׳געזאָגט: מ׳גיט דעם דריטן קלינג און די קאָליע הייבט, אָן צו גיין...״

יאָ, אַלץ איז געווען ווי אברהם האָט געזאָגט: דו שטייסט ביי אַ פענסטער און אַלץ לויפט אויף צוריק, כאַטעס, גרינע לאָנקעס, אַ ברונעם מיט אַן ארויפגעצויגענעם עמער, צוזאַמען מיט דער באַבע, און איינס נאָכן אַנדערן די דרענגער מיט די דראָטן. עס שווינדלט מיר פאַר די אויגן עס איז סכנותדיק הייס, אַ געדרענג, דער טאַטע נעמט מיך אויף דער שויס און איך שלאָף איין.

ווען מיר זיינען אָנגעקומען אין זאַמקעוויץ, זיינען מיר אַרויס אין מיטן אַ וואַלד. דער זשיוויעצע ריח האָט ארומגענומען ווי טוליענדיקע גלעטנדיקע אָרעמס, מ׳האָט געפילט דעם שמעקנדיקן, אָטעמדיקן הויך, אויף דער צונג האָט מען געשפּירט דעם זיסלעך־קלעבעדיקן טעם, דער ריח נוח־גערוך איז געגאַנגען אין קאָפּ אַריין — עפעס אַזוינס נישט צו דעפינירן! אינם גרינס פון די סאָסנאָס איז מען איינגעהילט געוואָרן ווי אין אַ גרין־זיידענעם שלאָפראָק: כאָטש צי דיך אויס אויף דער ערד און שלאָף איין. מיט ליפּיק־זיסן געטריף אויף די ליפן, ווי ביי אַ קינד מיט צוגעפאַלן מיילכל צו דער באַקעט־קילערברוסט פון דער מאַמען.

דער טאַטע האָט אויפגעעפנט דעם טשעמאָדאַן, און באַלד פון אויבן איז געלעגן דער צידה־לדרך. פון פאַפּירן אין פאַפּירן האָט זיך ארויסגעוויקלט אין אַ פעט־גלאַציק פאַפּיר, ממש טראָפנדיק פון פעטקייט, — אַ נאָך וואַרעמען לאָקשן־קוגל!

וואָסער בעסערן איינפאַל האָט די מאַמע געקענט האָבן אויף מיט צוגעבן אין „די 9 טעג״, צו דערכאַפּן זיך ס׳האַרץ, ווי אַ מילכיקן לאָקשן־קוגל, אַ געפּרעגלט אויף פוטער, און געמאַכט פון לויטער אייער, אז מ׳זאָל זיך נישט ברויכן צו וואַשן דער צו.

דער צימערינג, דער זאַפּערן און די נעגלעך האָבן פאַרשמעקט דעם וואַלד. דער קטורת־סמים־דיקער ריח, ווען דער טאַטע האָט מיט זיין מילכיקן פערלמוטערנעם פעך־מעסערל, דאָס ברוינע־צוגעפּרעגלטע, דאָס נאָך וואַרעמדאַמפנדיקע אויפגעשניטן.

אַז איך טראַכט פון זאַמקעוויצער וואַלד, שפּיר איך דעם טעם פון מיין מאַמעס מילכיקן לאָקשן־קוגל. איך האָב שוין געוואַנדערט אין וועלדער, אָבער דאָס מיסטישע, דאָס סודותדיקע שטילע, לייבהאַפטיק מיט די ליפן עס אויפצונעמען — אַ געדיכטע, פעט־דאַמפדיקע גרינקייט, וואָס לייגט זיך אויף די



אויגן, אויפן מוח און צעקייט זיך, אין אַלע אברים.

„טאַטע״, גיב איך פלוצלינג אַ פרעג: „און וואָס איז גרין?״ „מיין קינד, דו ביזט נאָך צו יונג, דאָס איז זייער טרויעריק״ ער האָט מיך אָנגעקוקט מיט גרויס רחמנות: „גרין, דאָס איז מרה־—שחורה, ביטער ווי גרינע גאַל״... „מיין קינד גרין איז „די 9 טעג״, איז גרינע קברת עפּעלעך ערב־תשעה־באב״... ער האָט אָנגעהויבן צו זאָגן תהילים און טרערן האָבן זיך אים געגאָסן פון די אויגן.

מיר זיינען אַריינגעגאַנגען אין וואַרטע־זאַל, ס׳איז געווען צו וואַרטן אויפן צוג. דער טאַטע האָט אַרויסגענומען אַ ספר און אַריינגעקוקט, איך בין געזעסן ביי אים טרויעריק, נישט ווי אויף דער וועלט, די אַריינקומענדיקע און ארויסגייענדיקע מענטשן פון אַ גאַנץ אַנדערן עולם, זייער הלבשה, זייער ריידן.

אין גרוימען און באַקוועמען קאָפּע איז אַלץ געווען נאָך פרעמדער. דער טאַטע האָט מיך אַנידערגעזעצט ביי זיך, ווי מיט אַ כוונה, נישט ביים פענסטער. עס האָט זיך געוואָרפן, געקרעכצט. אין ביידע זייטן פאַר די אַראָפּגעלאָזטע פענסטער זיינען געפלויגן פונקן, זיילן רויך, און שטיקער בלויער הימל זיינען געלאָפן אויף צוריק. איך האָב מיך געוואָלט עפעס דערמאַנען, און נישט געוווסט אין וואָס.

נאָך אַ שטיק בלוי, נאָך א שטיק, אַלץ דאָס זעלבע. איך בין צו קליין, אז זיצנדיק אָפּגערוקט פון פענסטער, זאָל זען די דרויסנדיקע כסדר זיך וועקסלדיקע לאַנדשאַפטן. נאָך א שטיק בלוי, נאָך אַ שטיק בלוי, עס ווערט מיר לאַנגווייליג.

איך דערמאַן מיך, אז אברהם האָט מיר געזאָגט, אז דער צוג ציט זיך אפשר א מייל, און אז מ׳ברויכט „ארויסצוגיין״, גייט מען פון איין קאָליע אין דער אַנדערער, איבער שאָקלענדיקע קייטן גייט מען, מ׳זעט ווי די רעדער דרייען זיך...

איך זאָג עפעס שטיל דעם טאַטן אויפן אויער, דער טאַטע מאַכט צו דאָס ספר און גייט מיט מיר. ביים צוריקקומען זעצט דער טאַטע מיך שוין ביים פענסטער, ער פאַרשטייט, אז אזוי וועל איך ווייניקער שטערן, און ער וועט פון דעם דרויסן ווייניקער געשטערט ווערן: „המהלך בדרך ומפסיק בשנתו ואמר מה נאה אילן זה״.

ביים צוג האָט אונז אָפּגעוואַרט דוד, דער ייִנגסטער זון פון די פינף זין פון די מומע גיטל. ער איז שוין געווען אָנגעטון גרויס־שטאָטיש און פאַצעטיש, אין אַ היטל מיט אַ נידריקער דענקע און אין אַ געהאַקט ייִביצל. זיין גאַנץ באַנעמען און אויסזען איז געווען גאַנץ אַנדערש, נישט נאָר ווי פון טשעלאַדז, נאָר אפילו ווי פון בענדין. טשענסטאָכאָוו איז געווען מער אינטעליגענטיש מאָדערנער. די מענטשן זאַכלעכער און אויפטוערישער. די כל־ערליי קליין־פאַרבריקלעך פון ביזשוטוערי און קינדער־שפּילצייג, די אויף „פאַריזער״־אופן אויסגעסטראַיעטע געשעפטן און פענסטער־וויסטאַוועס — דער אויסבליק אויף די צענדליקער טויזנטער פילגרימען האָבן עס מחייב געווען. שוין די האַרטע

רעזאָלוטע „ריש“ אין דער אויסשפּראַך האָט געשטעמפּלט דעם כאַראַקטער.

דער טאַטע האָט געוואָלט גיין צופוס איבער דער ברייטער ליכטיק־צוגעקערטער ערשטע אַלעי דורכן פיר־קאַנטיקן גרויסן נייעם־מאַרק, מיט די גרויס הורט־געשעפטן, מיט די באַדעקטע בוידן און ריסאַרקעס פון וואָלין און קושעפּיץ, מיט בריטשקעס און וועגעלעך פון אַמסטעוו, פּשערעוו און הונדערט און איין שטעטל פון אַרום און אַרום — דאָס אַלץ בלויז אויף דער „יידישער־זייט“; אויסמיידנדיק, די גויאישע, צו דער טומאה צו, וווּ די פּילגרימען, זיצן, ליגן, קניען אין די טויזנטער, יעדע דאָרף־מחנה מיט איר „שמויטע־פאַנע“.

דער טאַטע האָט געוואָלט זיך אַזוי אַדורכשטופּן דורכן אַלטן־מאַרק מיט די בשמים געוועלבלעך, מיט די אָפענע זעק אַרבעס פאַר דער טיר, די שפּייז־בוידן, איינגעאָטעמען אין זיך זיין יוגנד־ריח, אַן ערשטן בליק אַהין וואַרפן צו דער „אַלטע ראַנדע“ — איבער סמאַטע קעלערס, ליכט־און זייף־סקלאַדעס, מיט זייער איילעצדיקע געריכן און מייז־און ראַטן־ווילגאַטש הייבט זיך אויף אין זיין גאַנצער ליכטיקער ברייט און טימלדיקע לענג דאָס צעזינגטע חסידים־שטיבל, די ראַדאָמסקער קלויז — און הינטן שטייען די שרייענדיקע טרעגער און די וועגלעך־יידן! — און פון איין זייט ציט אַראָפּ דאָס בית מדרש געסל און פון דער אַנדערער זייט צו דער קאָזשע גאַס.

דאָרט אויפן ראָג צו דער קאָזשע גאַס, מיט די קליינע נידריקע הייזלעך האָט זיך אויפגעהויבן דעם פעטער משה׳ס הויז — אזש ס׳האָט גדלותדיק אַריבערגעקוקט ביז צום מאַרק! — וווּ ער האָט געהאַט זיין גאַלאַנטער געוועלב, וווּ „גאַנץ“ טשענסטעכאָוו איז געקומען קויפן צו „גיטל אסתרלס“.

מ׳האָט געזען ווי דער טאַטע האָט גרויס הנאה פון זיין יעדן שריט, ער איז טאַקע אַ טשעלעדזשער איידעם, און זיין מאַמע, די באָבע אסתרל, אַ בענדינערין, אָבער ער איז געבוירן אַ טשעסטאַכאָווער, ר׳ שלמה דיינ׳ס אַ זון. ער טרעט יעצט אויף אייגענער ערד. און ווען ער רעדט אַרויס אַ וואָרט הערט מען דעם טשענסטעכעווער ריש.

דוד האָט געגעבן דעם טשעמאָדאַן אַז טרעגער אהיימצוטראָגן און מיך גענומען ביי דער האַנט. אָ, עס איז אים נישט געווען מקנא צו זיין! מיין כסדרדיק פרעגן און מיין טשעלעדזשער לשון און דאָס רייסן מיך פון זיין האַנט ביי יעדער נייער זאַך דערזעענדיק, דאָס בלייבן שטיין ביי יעדן שויפענסטער. און ערשט דערזעענדיק דעם נייעם מאַרק מיט זיין געוואַלטקער גרויס. די הייזער האָבן מיך אינגאַנצן ווילד געמאַכט.

דוד איז געווען אַן איינגעהאַלטענער שטילער ייִנגערמאַן מיט אַ שאַרפן שמייכל אויף די שמאָלע ליפּן, מיט אַ בלאַנקדיקן בליק. אַן אַנגעלעזענער מיט אַ טיפן קונסט־געשמאַק און אינערלעכע אינטעליגענץ, אָבער אַ זאַכלעך־פראַקטישער — אַ טשענסטאַכאָווער! די עלטערע ברידער, שוין חתונה געהאַטע האָבן געהאַט געשעפטן אין דער ערשטער אַליי. ער האָט נאָך לפנים אביסל צוגעהאָלפן אין געשעפט, אבער בעיקר האָט ער געלערנט צו זיין אַ קונסט גראַ־



ווירער, אַ האָלץ־שניצער און א קאַריקאַטור־צייכנער.

דאָס געשעפט מיט די סקלאַדעס ארום איז געווען אַ טומלדיקער מאַרק, אַ רווישיגער יעריד. דער גאַנצער רעש האָט זיך מיט איינמאָל אָפּגעשטעלט, ווען דער טאַטע איז אַריינגעקומען.

די מומע גיטל איז געווען, די סוחרטע, די אשת חיל, און נישט נאָר אין געשעפט. יעדע מעוברתדיקע אין קאָזשע געסל, יעדע אָרעמע משפחה אין גאַרניטשאַרסקע, אין בית־מדרש געסל איז געווען אויף איר קאָפּ — פּלוצלינג אין מיטן טומל, אַ בעסער קונה, אַן אָנגעשטעלטע זוכט זי איז זי נישטאָ, זי איז איועק מיט אַ פּריש יאָכל צו א חולה.

דער פעטער, משה פייגנבוים, איר מאַן, איז געווען אַ וואַרשעווער, אַ תלמיד חכם, א משכיל אַ קעסט־איידעמל — תורה און חכמה און געפוצטע שטייוול“! — דער פעטער משה תמיד שטיל איז געזעסן אויבן ביי דער טאַשעוואַניע און געקוקט משיחו לפי תומו, מיט שטאַרף שמייכלדיקע אויגן, — אַ שווייגער בטבע! — און אַרומגענומען מיט איין בליק ס׳גאַנצע געשעפט, און אַלעמען געהאַלטן אויפן אויג.

דערזעענדיק אונז אַריינקומען, און פאַרשטייענדיק די „גראַטשקע“ וואָס דאָ קאָן ווערן, האָט ער מיט זיין שאַרפן שמייכל, אָן אַ שלום עליכם אפילו, אַ זאָג געטון: „נעם זיי דיר און גיי מיט זיי אַרויף!“ די איראָניע איז געווען אויף די מומע גוטלס זייט, אַזוי, אז זיין שאַרף שמייכעלע האָט זיך מיטן טאַטן אויפן אָרט זיך פאַרשטענדיקט: מיר וועלן זיך שוין שפּעטער אַלץ אָפּנעמען.

די מומע האָט טאָקע אַ כאַפּ מיך געטון אין די אָרעמס טוליענדיק און קושנדיק און געטראָגן מיך דורך די געדרייטע אייזערנע טרעפּ וואָס פירן פון סקלאַד אין דער דירה אַרויף.

זי איז געבליבן מיטן טאַטן אין דער סאַלע, אויסגעטון פון אַלע געשעפטן — א שוועסטערל מיט איר ברידערל! — און דוד האָט מיך ביים האַנט אָנגענומען ווי א גרויסן, זיינס גלייכן, אַריינגעפירט אין זיין שטוב א ריין.

די גאַנצע שטוב איז באַהאָנגען געווען מיט צייכנונגען, מיט בילדער, מיט ליטאָגראַפיעס און פאָטאָגראַפישע רעפּראָדוקציעס — אַ געזאַנג פון פאַרבן. כאַטש נעם און זינג מיט. עפּעס ווי אַ המשך פון זאַמקעוויצער וואַלד.

„אז דו וועסט זיין אַ ווויל בחורל, ווועסט דו זיצן שטיל אַ האַלבע שעה. „מיר וועלן זען?“ האָט ער מיך אָנגעקוקט מיט א שפּיציק־שאַרפן שמייכל: „איך מוז עפּעס ענדיקן“. דערנאָך וועלן מיר אַרויסגיין קאַפן צוקערלעך“. דאָס האָט ער מיך געוואָלט אונטערקויפן מיט מיין טשעלעדזשער לשון, אדער גאָר פון מיר אָפּלאָכן. כ׳האָבן שוין געגנוי נישט צוגעהערט, ווייל כ׳האָבן שוין געהאַלטן אין קוקן, ווי אין דער לעצטער האַלבער שעה, דורכן פענסטער פון קופּע. דאָ איז עס שוין נישט געלאָפן, דאָס בלוי און דאָס גרין, און נאָך אַזלכעס, וואָס נישט געוווסט אָנצורופן ביי די נעמען, זיינען שוין געשטאַנען שטיל, נישט געלאָפן אויף צוריק. יאָ, גאַנצע כאַטקעס אויף זוניקע לאָנקעס, און פויערים שניידן תבואה. און דער זייט ליגט א פּרוי, גאַנץ נאַקעט אויסגעצויגן, און איינע, אזא

שיינע, ווי יוסף הצדיק, און דאָס כתונת פסים שאַרצט זי אויף. ביז איבער די קני און זי קומט צו מיר צו אַלץ נענטער און נענטער... דאָס האַרץ הייבט מיר אָן צו קלאַפּן... יאָ איך ווייס, בלוי איז ווען די מאַמע אויגן קוקן אויף מיר בלוי, גרין — ווען זיי קוקן־אויף־מיר גרין. ווי בלוי מיין מאַמעס אויגן נעמען לאַכן, אז אין דער גאַנצער שטיב ווערט ליכט, עס קלינגט פון אַלע ווינקעלעך. אָבער אז זי בלייבט זיצן אזוי ביי פענסטער שעה׳ן, טעג. איך טולע מיך צו איר, זי גלעט מיר דעם קאָפּ, בלויז אין די „מענטשלעך״, קוקן אַזוי פינסטער גרין — ווי טרויעריק איז דעמלט אין יעדן ווינקעלע פון שטוב.

דוד איז געזעסן פאַרטיפט ביי זיין קלינעם טישל און געקריצט און געמייסטערוועט. אייניקע מאָל אַריבערגעקוקט צו מיר מיט אַן הנאהדיק שמייכעלע: „געפעלן דיר די מענטשעלעך״? „יאָ, די, מענטשלעך אין מיין מאַמעס אויגן זעען פונקט אַזוי אויס״.

ער האָט זיך אויפגעשטעלט צוצוגיין צו מיר, האָב איך געהערט דער מומעס קול ווי פון, הימל בלויען אַראָפּ: „ווי איז ס׳קינד אַהינגעקומען?״

„קום מיר וועלן גיין איצט קאַפּן באָמבילעך״. דאָס רופן ווי פון בלויען הימל אַראָפּ, זיין פיזיש באַרירן מיך, זיין שאַרף שמייכלדיקער פּראַקטישער קלוגער בליק, מיין מידקייט? איך האָב מך צעוויינט.

„טשעלעדזשער גאַפּע וואָס ווייִנסטו, כ׳מיין דאָך אויף אַ געלעכטער. מען זאָגט נישט קאַפּן, נאָר קויפן, נישט באָמבעלעך, נאָר לאַנדערינקעס״.

אין דער צווייטער שטוב זיינען געזעסן די מומע גוטל מיטן טאַטן ביי צוויי בורשטינענע גלעזלעך טיי, פון די צוויי גאָלדענע ציטרין רענדלעך אין דער הייך, שווימענדיק זיינען בלויע פאַרעלעך געגאַנגען. ווי אַ צווילינג, — ווי דער מזל־תאומים האָב זיי אויסגעזען! — די מומע שפיגלט זיך אין טאַטן און דער טאַטע אין דער מומען. זיי זיינען איבערגעריסן געוואָרן אינמיטן זיך דערציילן, אין אַראָפּריידן זיך פון די הערצער; זיי האָבן אויסגעזען ווי זיי וואָלט דאָ אַראָפּגעקומען פון דוד׳ס באַהאָנגענע ווענט אַראָפּ.

„דוד פיר אַריין ס׳קינד אין דער קיך. און זאָל מען אים געבן עפּעס צו עסן, אים פריש ארומוואַשן. דער פעטער בערישל, וויל גיין צום פעטער ראובן אבא, און וויל מיט נעמען ס׳קינד״.

דער פעטער ראובן אבא דער סופר האָט געוווינט אין א געסל נעבן דער שול אין איין שטוב. זי איז געווען אַדורכגעטיילט מיט א הילצערן ווענטל. ביים אַריינקומען האָט זיך געזען אַ טיש און הינטן, אין טונקלנישט צוגעבעטע צווי בעטן. האָט זיך די טיר צוריק צוגעמאַכט איז געוואָרן אינגאַנצן טונקל, פונם חלל אויבן איבער ווייסן געקאַלעכטן ווענטל און בלויען סופיט האָט אַריבערגעשטיינט אַ מין ליכטקייט. אין שאָקלדיקן ווענטל האָט זיך געעפנט אַ טיר און ווי אין אַ ראָמען איז געבליבן שטיין די מומע (כ׳געדענק נישט איר נאָמען, זי איז געווען דעם טאַטנס שוועסטער פון איין מאַמען) אַלט, קליין, אינגאַנצן איינגעקאָרטשעט, איינגעהויקערט. אויפן קאָפּ קיין טשיפּיק, (די 9 טעג.) א שוואַרץ האָרבענדל ביז טיף איבערן שטערן. דאָס טונקעלע פנים



אינגאַנצן אין פאַלטן. די פרייד, ווען זי האָט אונז דערזען האָט זי אויך באַלד באַהאַלטן אין די ברייטע פאַלדן.

מיר זיינען אַריינגעקומען אין צווייטן טייל חדר וועלכעס איז געלעגן אין גאַנצן אין ליכטיקייט. ווי בלוי דעם באַלטן האָט אויסגעזען. אַ ברייטער ייד אין אַ סאַמעטענעם, אָפּגעבליאַקעוועט־צעריבענעם כאַלאַט, אָבער אַן שפּרענקעלע און פלעקעלע דאָס קאַפּל פאַרוקט הויך איבער שטערן, איז געזעסן געבויגן איבער אַ ירועה, איין האַנט האָט געקריצלט מיט אַ גענזענע פעדער, די צווייטע איז געווען פאַרוואָרפן איבערן האַלבן טיש ווי אַן אויסגעשפּרייטער פליגל.

ער האָט נישט מפסיק געווען, דאָס פאַרטראַכט אַנגעשטרענגט פנים האָט זיך אויך נישט געענדערט. די מומע איז געשטאַנען אַ דערשראָקענע ער האָט מסתם דעמלט געשריבן א שם הוהי — —

איך האָב שוין געוווסט, אז דער פעטער ראובן אבא, וואָס איז געווען דער בעל תוקע אין ראַדאָמסק, גייט זיך טובלען ווען ער גייט שרייבן אַ שם הויה. איך האָב געקוקט אויף זיין באָרד און פאות די זיי זיינע נאַס.

ער האָט זיך באַלד אויפגעשטעלט מיט אַ שטראַלנדיקע פרייד אויפן פנים א הויכער שלאַנקער זקן — אברהם אבינו האָט געמוזט אַזוי אויסזען. און מומע שרה (ניין שרה האט געהייסן די צווייטע האַלב מומע, פון איין מאַמען.) אין געשטאַנען אַלט און איינגעשרומפן „בפתח, אין דער טיר „האוהל״, פון געצעלט.

„ווייסט״, האָט זיך דער פעטער אַראָפּגעבויגן צו מיר און גערעדט צום טאַטן: דיין שלמה האָט ביי מיר אָנגעטרעטן ביי אַ היימפאָרן פון קליביצק. דאָס טרושעקל זעט אויס נאָך ווילדער... איך געטרוי אים נישט. מיר וועלן קודם אַראָפּנעמען מיין, „ווערקשטאַט״ האָט ער געמאַכט אַ הלצהלע, „און מיר וועלן טרונקן טיי״.

זיי האָבן געטרונקן טיי און אָפּגעשמועסט מיט וועלכן צוג זיי וועלן פאָרן. דער פעטער האָט זיך לכבוד דעם טאַטן אַלע שבת־נחמו אויך אַריבערגעכאַפּט צום רבין. מיר האָט די מומע געקנאַקט וועלטשענע ניס און געלייגט שטיקלעך־ווייז אין מויל אריין. דער פעטער האָט צו אונז מיט הנאה אַריבערגעקוקט: „דו נעמסט אים מיט? ס׳איז שוין צייט״. דאָס האָט מען געמיינט מיך.

די פאר סטאַציעס פון טשענסטאָכאָוו קיין ראַדאָמסק אין שוין נישט געווען, קיין צוג, קיין באַן, קיין קופע, קיין קאָליע — ס׳איז געווען די „אַלטע ראַנדע״! אן עולם מיט חסידים האָבן געטרונקן לחיים! דעם קאָנדוקטער מכבד מיט אַ גלעזל 99׳קער.

הינטן האָט משה טשענסטעכיווער שטיל געברומט אויף זיין אַלטן באַס־קול עפּעס אַ נייעם ניגון און דעם דריטן „פאַל״ געגעבן צו פאַרשטיין דעם קראָקעווער הייקערל, וועלכן ער האָט דא געטראָפן אין צוג, ער זאָל אים „באַגלייטן״ ביים „טיש״, ווען ער וועט אים זינגען צו שלוש־סעודות.

ביי מיר אין טאַש האָט זיך נאָך פאַרוואַלגערט א גרין־קברת־ עפּעלע

פון ערב־תשעה־באָב, איך האָב מיך נישט געקענט איינהאַלטן, און עס געצילעוועט אין אַ געלער באָרד אַריין, וואָס האָט ווי אַ מעשענע טאַץ געגלאַנצט אין דער זון.

פאַר דער סטאַציעס אין ראַדאָמסק האָבן שוין געוואַרט די פיאַקערס און דראָשקאַזשעס; יעדער האָט שוין דערקענט זיין גאַסט און געוווסט אין וועלכער אכסניא ער שטייט איין.

„ר' חיים בעריש טשעלעדזשער, דאָס געהער אויך צו אייער פעקל?" מיך אַ כאַפּגעגעבן און איך בין שוין געזעסן אויפן קאַזשאָל.

דאָס פאָרן די 10 מינוט דורך דער געדיכטער ברייט־צעצווייגטער, טונקל־קילנדיקע בוימער אַלעי, ביז מיר האָבן זיך אַריינגעדרייט צו „יאַנקל בחור" (ער איז געווען אַ „בחור" ביים רבין פאַר דער חתונה.) ווי אונטער אַ „מלאך־הגואל"־חופה זיינען מיר געפאָרן און די זיפנדיקע שטראַלן דורך די בלעטער האָבן זיך געשיט ווי ראָזשינקעס און מאַנדלען ביים באַשיטן, ווי שמחת־תורה. אַ ציטערדיקער מצוה־טאַנץ בלוי און גרין, בלוי און גרין.

פון דער נסיעה געדענק איך נאָך דריי זאַכן.

א. דאָס שלום נעמען. דעם יראת הרוממות פון מיין טאַטן, דאָס באַטאַפּן זי'ך ביי דער באָרד, דעם אָנעם ביי דער האַנט, ווען „דער בחור" האָט געעפנט די טיר.

אין מיין ערשטן בליק, דערזעענדיק אים שוין אין זיין שבתדיקער הלבשה, נאָך דער מקווה, דער סידור ליגט שוין אויפגעמישט צו שיר השירים — אַ מלאך גרייט צום פלי אין הימל אַריין . . .

יאָ, זייט דעמלט קאָן מיר קיינער נישט אָפּלייקענען און איך מיר אַליין אויך נישט, איך האָב מיט מיינע קינדישע אויגן אַליין עפּעס געזען, וואָס נישט פון דעם עולם. קיינער האָט מיר נישט געזאָגט, קיינער האָט מיר נישט אָנגעוויזן, איך האָב עס אַליין געזען.

ער האָט שוין געוואַרט, מיט פנים אויסגעדרייט צו דער טיר. קליין ווי ר'איז געווען, מיט אַזאַ גרויסע פרייד איז ער אונז אַקייגנגעגאַנגען: „בערישל, ס'איז דאָך שבת נחמו, כ'האָב געוואַרט, כ'האָב געוווסט, אז דו וועסט קומען, קומסט דאָך אַלע יאָר".

דער טאַטע אין זיין גאַנצן ערנסט, איז געשטאַנען כעבדא כמי מרא. דער רבי האָט זיך געפילט ווי אומבאַקוועם און מיט אַ שמייכל, ווייטער גערעדט: „דאָס איז דאָך דיין בן זקנים. ס'איז שוין שבת אין מיין קעשענע". ער האָט מיך צוגעפירט צום טיש געעפנט א שיפלעדל ארויסגענומען א מטבע און מיר געגעבן.

צי ווייל ער האָט טאַקע עפּעס געזען, צו ווייל ער איז געשטערט געוואָרן אין זיין סדר . . . נאָך שיר השירים וועט ער ווידער מוזן לויפן און מקווה אריין. ער האָט שנעל געזאָגט צום טאַטן: „גיב אכטונג אויף אים". ער האָט אונז שוין נישט געזען, ער האָט שוין גענומען זאָגן „שיר השירים". די טיר האָט זיך אונטער אונז געעפנט. דער טאַטע אזוי ווי ר'איז געשטאַנען איז ער צוריקגעגאַ־



נען הינטערוואַלעכס הינטער זיך. איך בין אים אזוי נאָכגעגאַנגען, און מיט אויפגעריסענע אויגן געקוקט אויפן דבקותדיקן רבין ביז די טיר האָט זיך שנעל אַ פאַרמאַך געטון.

ב. אין רבני'ס בית־מדרש, בשעת זאגן „הודו" — דורכן זאָמקעוויצער וואַלד איז א דורכגעגאַנגען א שטורעם ווינט, עס האָט געבליצט, עס האָט געדונערט. אַ וואַלד מיט סאָסנע ביימער, האָבן זיך געוואָרפן און געשאָקלט, געקרעכצט און געשריגן — אַ וואַלד האָט געקראַקעט און געשפילפויגלט. די שטריימלעך אויף די באבערדטע און בפיאותדיקע קעפּ, איבער די געגאַרלטע אַלטעסע ייביצעס — גרין פון אַלטקייט, ווייסע פאָטשעווקע דורך די לעכער! — האָבן באמת אויסגעזעען, ווי נעסטן אויף סאָסנע ביימער.

דער מאַרש אַהין און צוריק, אין דעם געוואַלטיקן בית מדרש, נישט דערכאַפּן די גרויסן מיטן בליק. דאָס מכין זיין זיך צו קבלת שבת צום זאָגן דעם „כגונא" — — —

דער טאַטע פירט מיך צו צו אַ שאַנק ספרים, צו אַ קליין יידעלע מיט א ספר אין האַנט: זעסט דאָס איז מיין רבי, דער פלאַוונער רב. צוזאָם מיט רבין ביי אים געלערנט.

דאָס האָט מיך שוין אינגאַנצן פרעטשמעלעט! דאָס איז שוין אינגאַנצן נישט געווען משיג צו זיין: דעם רבינס רבי?

דאָס קליינע 80 יאָריקע יידעלע האָט אַרויסגעהויבן דעם קאָפּ פון ספר — אַ קאָזאַקן העטמאַן מיטן שטריימל נא־באקום. און די אויגן וואָס האָבן אונז אַרומגעראַפּט: די פרייד פון א רבין מיט זיין תלמיד, פון צוויי חסידים ביי איין רבין. און זע דאָ וואַקסט שוין אונטער דאָס קאפּוצינקל.

דער פלאַוונער רב האָט זיך נישט געברויכט אַראָפּצובייגן צו מיר, ער איז נישט געווען קיין סך העכער פון מיר און מיר געגעבן א קניפּל אין בעקל.

„רעדט נישט צו אים, ווען איר וואָלט געוווסט וואָס ער האָט היינט אָפּגעטון. פאַרן גיין אין בית מדרש אַריין זאָג איך צו אים, געב מיר דאָס אפּגעשפּראכענער געלד וואס דער רבי האָט דיר געגעבן וועל איך עס אַוועקלייגן אויף איבער שבת, זאָגט ער מיר, אז ער האָט זיך „געקאַפּט באמבעלעך". זיי האָבן זיך הילכיק צעלאַכט ווי צוויי אפּיצערסקע קאָזאַקן, און איך בין געבליבן שטיין ווי אַ ריכטיקע טשעלעדזשער דופּע, אז כ'האָב אפילו נישט געוואַגט אַרויסצובעטשען.

דעם טיש האָט מען געפירט אין ראַדאָמסק אין דער „גרינער שטוב". סכות האָט מען בלויז באַדאַרפט דעם דאַך אַראָפּגענומען און באַדעקט מיט סכך. די ווענט זיינען געווען טינקל גרין געמאָלן, מיט פעטן פּאָקוסט; מ'האָט נישט געפילט די ענגקייט, מ'האָט זיך געגליטשט. איינער אויפן אַנדערן אין אַנדערן, איין שטיק ציטערדיקע פאַרגליווערטקייט.

דאָס זינגען פון שמואלן דעם „שלום עליכם", דעם „אשת־חיל" — מלאכים שוועבן אַרום אין דער „גרינער שטוב".

דער יאָמערלעכער אויסגעשריי פון רבין „יום השישי" — — ווער טאַטע,

וואָס מלאכים? אַ מיטגעשלעפּט קינד אין געדראַנג צו טיש צו: מ׳כאַפּט זיך אַרויף אויף פּלייצעס מיט אַ פוס אין אַ גאַרטל, אין אַ קעשענע; מ׳שטייט אין אַ ראַמען פון אַ פענסטער, זיך שטיצנדיק מיט אַן עלנבויגן אין אַ הענג־לייכטער — אַ דאַמבע האָט אויפגעפלאַצט און ס׳האָט אַ פלייץ געטון!

אין ליידיק געוואָרן שטח ביי דער טיר, וווּ די אַלטע רביצין איז געשטאַנען אין טיר־ראַמען הערן קידוש, בין איך שטיין געבליבן ווי אַ פאַרלוירן קינד ביי אַ ברעג; זי דערזעענדיק אַזוי, אין סאַמעט און אין זיידן, און אין שטערן טיכל, אין די שנירלעך פּערל איינס איבערן אַנדערן, מאַיעסטעטיש אויף דו אַקסלען דאָס טערקישע טוך, א געהאָפטנס אין טויזנט פאַרבן, האָב איך די אויגן נישט געקענט אַראָפּנעמען.

זי האָט מיך מסתם אין אָנבליק דערקענט, וועמענס איך בין, זי האָט מיך מיט גענומען. מ׳האָט מיך אָנגעקאַרמעט. און אין דעם גן־עדן פון שנירן און אייניקלעך, פון אזוי פיל שבת־ליכטל, פון געבלענד פון זילבערנע לייכטער און געשירן בין איך איינגעשלאָפן.

און אין חלום האָב איך געזען, ווי מלאכים גייען אַרויף און אַראָפּ אויף די גלאַטע ווענט פון דער „גרינער שטוב". ווי בלוי די מענטשעלעך קוקן אַרויס פון זייערע אויגן און זיי זינגען. און ערשט דאָס בלויע פון זייערע פליגל. זעקס מאָל זעקס פליגל האָט יעדער מלאך און יעדעס בלוי איז אַנדערש.

און איין מלאך, דער גרעסטער, בייגט זיך אַראָפּ צו מיר, ער זעט אויס ווי דער פעטער ראובן אבא, אָבער ער רעדט צו מיר מיט מיין טאַטנס קול; „גרין איז דער סוד פון אַלע סודות. נעם דיר אין קאָפּ אַריין דעם רבינס „גרינע שטוב".

אין דער פרי ווען דער טאַטע איז געקומען טרינקען טשאָלענט־קאַווע, צו „די אַלטע רביצין" (צו די פּרעווילעגיטע האָבן אויך געהערט דער פלאַוונער רב און דער טאַטע. זיין „זיינען דאָך געווען די בני בית אין „חסד לאברהמ׳ס" שטוב, ווערן איר חזקעלע און בערישל האָבן צוזאַם געלערנט אין איר הויז ביים פלאַוונער רב). בין איך שוין געזעסן ביים טיש און געגעסן פּוטער־קוכן מיט שטרייזל.

דער טאַטע האָט זיך באַדאַנקט ביי דער „אלטער רביצן" וואָס זי האָט געלאָזן צעוויסן טון איר דער אכסניא, אז דער שאָדן האָט זיך אָפּגעזוכט.

„האָסט שוין געדאַוונט, וואָס דו עסט דיר אזוי ברייט דעם פּוטער־קוכן?" איז דער טאַטע צו מיר צוגעגאַנגען.

דער פלאַוונער רב האָט דערציילט דער „אלטער רביצן" די מעשה מיטן אָפּגעשפּראָכענעם געלד. זי האָט הנאה געהאַט און געשמייכלט.

מיך איז נישט מער אָנגעגאַנגען, וואָס מ׳רעדט דאָרט פון מיר. איך בין איבער נאַכט ווי אויסגעוואַקסן. איך האָב שוין עפּעס געוווּסט, וואָס נאָר איך אַליין האָב עס געוווּסט, און האָב שטיל געזאָגט צום טאַטן: „ווּעסט מיך ווידער מיטנעמען אין דער גרינער שטוב".

דעם שוואַרצן קאַווע האָט מען געטרונקען שטייענדיק און געהאַלטן דאָס



גלאָז אַזוי מיט ביידע הענט. דער טאַטע אָבער האָט עס געהאַלטן מיט איין האַנט. מיט דער אַנדערער האָט ער געהאַלטן מיין הענטל, און עס ליבלעך געגלעט, מיט אַ וואַרעמקייט, וואָס האָט געוואַרעמט דאָס האַרץ.

* * *

מיין לעצטע נסיעה פון דער היים אין דער וועלט אַריין איז געווען פון טשעלאַדז. מיר האָבן שוין געווינט אין טשענסטאָכאָוו. דער טאַטע האָט מיך באַגלייט. אָנגעקומען מיטן צוג קיין סאָסנאָוועצ, פרעגט מיך דער טאַטע — אין אַ טאָן, ווי צוליב טון אַ לעצטן ווילן! — צי איך וויל אַריינגיין מיך געזעגענען מיטן רבין. די ראַדאָמסקער רעזידענץ איז שוין געווען דעמלט אין סאָסנאָוועצ.

איך בין מיט אים אַרויפגעגאַנגען. איך האָב געזוכט מיט די אויגן „די גרינע שטוב". כ׳האָב געזוכט אויפן רבינס פּנים דאָס שוועבנדיקע וואָס כ׳האָב געזען, דעמלט אַלס קינד, ווען דער אָפענער שיר־השירים איז געלעגן אויפן טיש — — —

אַן אָפּגעבליאַקעווטקייט, א גרויע טונקלקייט האָט אַרויסגעקוקט פון אַלע ווינקעלעך. מיין אַלטער טאַטע, אַ צעבראָכענער פון מיין אַוועקפאָרן, איז געשטאַנען אין זיין גאַנצן ערנסט, כעבדא כמא מרא, ווי דעמלט פאַר זיין טאַטן, ווי אַלץ יינגער מאַן פאַר חסד לאברהם מסתם, און ווי איך אַלץ יינגל — נאָך פאַר תפארת שלמה.

אַ גאָלדענער ציטער האָט געקלינגען אין מיין האַרץ „קאָנסט דיך אויף אים פאַרלאָזן... ער וועט זיך שוין נישט אָפּרייסן פון אונז".

ביים אַרויסגיין האָט דער טאַטע צוריקגעהאַט זיין גוטן קלוגן שמייכל אין זיין ברייט־צעוואַקסענע רבניש־רבישע באָד, וואָס ער האָט אים אין די לעצטע געזעגנדיקע מרה־שחורה־טעג געהאַט פאַרלוירן — יענעם שמייכל וואָס כ׳זע אים תמיד, ווען כ׳דערמאָן מיך מיין טאַטנס פּנים.

אַ 12־10 יאָר שפּעטער, אין אַ פרילינג באַגינען, שפּאַצירנדיק פון ראָמאַנישן קאַפע צום אַלעקסאַנדער־פּלאַץ זע איך אַ כאַפּטע יידן אין סאַמעטע קאַפּעלאַטשן, וואָס רינגלען אַרום איינעם אין אין זיידענער קאַפּאָטע.

איך פרעג וועם, ווער דאָס איז, און נאָך איידער דער ייד באַשליסט צו ענטפערן, דעם בגילוי־ראשניק, דרייט זיך אויס דער רבי, זריזותדיק, מיט דער הנאה פון איינעם, וואָס דערקענט אַן אייגענעם ביים קול בלויז: „אברהם נחום, דו זעסט דאָך, כ׳איל מיך צום צוג. כ׳וועל זאָגן דעם טאַטן דו רעדסט נאָך יידיש".

## רעדאקציע נאטיץ

איבער טעכנישע סיבות איז דער נעקראָלאָג ארטיקל פון רחל מירסקי, איבער דער פאַרשטאָרבענער, חנה ראָזנער ע.ה. די פרוי פונם בונדישן־פירער אין לאָנדאָן, בערל ראָזנער, נישט אַריינגעקומען אין דעם נומער. ער וועט געדרוקט זיין אין מיי נומער. — ד.ר.

## מאראל פון לאנדאנער שרייבער *

(ענטפער צו מר. א. מ. קייזער)

דער אמתער פיינער הומאריסט, א. מ. קייזער, ווילצלט זיך, ווען אפילו מען רעדט צו אים ערנסט. איך האב אים ארויסגערופן, ער זאל ענטפערן אויף מר׳ ליסקיס דערקלערונג אין „היימיש״, אין וועלכער ער האט באליידיקט אַ צאל לאנדאנער שרייבער און איר ענטפערט מיר: „מה ענין שמיטה אצל הר סיני״, אדער מיין פראגע איז דא „ווי אַ פאטש צו גוט שבת״. ווער דען זאל זיך אפרופן וועגן דעם אויב נישט דער פארזיצער פון זשורנאליסטן און ליטעראטן פאראיין? איז אין דעם פאראיין גארנישטא קיין שרייבער?

נאך ערגער, אנשטאט צו רעאגירן אויף ליסקיס סטייט־מענט, פארענטפערט איר אים און זאגט: „מחמת פארנומענקייט האט ער אנגעצייכנט צי עטלעכע קורצונקע שורות״. פרעג איך אייך, פריינט קייזער, וויפיל צייט האט אייך געמומען אנצושרייבן צווימאל אזויפיל שרייבער ווי ליסקי האט אנגעגעבן?

אמת, איר פאריכט זיך און זאגט: „אוודאי איז מיט דער דערמאנטער נאטיץ אפגעטון געווארן א שטות״. איך מיין, אז דאס איז מער ווי א שטות, דאס איז בייזוויליקייט, ווייל ליסקי איז גארנישט אזא שוטה אפצוטאן אזא שטות. איך מיין, אז דאס איז אומפאראנטווארטלעכקייט און אוממאראליש.

איך גלויב, אז איר ווייסט, דאס דער שרייבער פון די איצטיקע שורות, זיצט מיט ליסקין, אין איין צימער, שוין צען יאר, און פערציק יאר איז ער, גאט צו דאנקן, געזעסן אין רעדאקציעס אָן מר׳ ליסקין, נאר „מחמת פארנומענקייט״ האט ער פארגעסן אָן מיר און אויך אויף די אנדערע שרייבער, וואָס איר רעכנט זיי אויס. האט דען ליסקי אזא קורצן זיכרון?

אפשר, פריינט קייזער, וועט איר מיר דערמאנען, ווער עס האט געזאגט: „איך זוך נישט דעם שרייבער אין מענטש, נאר דעם מענטש אין שרייבער״.

דערפאר האט איר, אלס פארזיצער פון זשורנאליסטן און ליטעראטן פאראיין, באדארפט זיך אפרופן אויף אַן עוולה וואס ווערט באגאנגען צו די וואס זענען זיך עוסק אין דער „מלאכה בזויה״, דוכט זיך דאס איז דער נאמען פון מר׳ ליסקיס אַ דערציילונג. און ווייל ער האלט עס פארא „מלאכה בזויה״, דערפאר איז זיין באציונג צו די וואס זענען זיך עוסק אין דעם, אומפאראנטווארטלעך, הפקרותדיק און נישט מאראליש.

ליסקיס נאטירונג אין „היימיש״, האט גורם געווען, וואס אזא ערלעכער און אויפריכטיקער שרייבער ווי לעפטוויטש, איז אויך געשטרויכלט געווארן, אנשטאט אויסצורעכענען אידישע שרייבער, האט ער אויך אריינגענומען אין צאל, אידישע מאלער וואס ביי לעפטוויטשן קען „געמאלט״ זיין איז ביי ליסקין „פארנומענקייט״, ביידע האבן געפעלשט, „זה בחסר״ וזה „ביותר״, אדער איינער במזיד און דער צווייטער בשוגג. מען קען פארגעבן „על השגגות״ און מען קען נישט מוחל זיין „על הזדונות״.

ס׳איז לייכט אפצוקומען מיטן ווארט שטות, יענעם וואס מען רירט אים



נישט אן. אבער דער וואס ווערט באליידיקט במזיד האט אן אנדער ווארט ווי „שטות״ אדער פיל ווערטער ווי דאס אנצורופן... ווייל פיל געפינען זיך באליידיקט. און קיין מחילה איז נישטא — „אדם מועד לעולם״...

ל. ש. קרעדיטור

## דער יזכור־ספר חמיעלניק

מ. דאמב

ערגעץ העט ווייט ווייט אין דרום פוילן, איז געווען א קליין שטעטל א. נ. חמיעלניק, א שטעטל מיט א שוימיק יידיש לעבן, חסידים, נגידים, ישובה בחרים, בית־מדרשניקעס, למדוואווניקעס, סתם אזוי מיסטעריעזע טיפן איינגעוואנדערטע פון רוסלאנד און די ליטע, אסך פון זיי לערערס פון העברעאיש, פון יידיש מיטן עכטן רוסיש־ליטווישן דיאלעקט, אסך פון זיי אקטיארן מיט א גאלדפאדן רעפערטואר אין דער קעשענע און מע שפילט טעאטער אין פייערלעשער־זאל און דאס וועקט אין דער יוגנט א בונט קעגן ארימקייט, קעגן אומגערעכטיקייט און ענגייט אין דעם טאליקן שטעטל, אווו סע זשומעט שטיל שטיל, דאס טייכל וואס שווימט ערגעץ אין די ווייטע וועלטן, גרילן גרילצן מעלאנכאליש און פארבענקט פון די יידישע שמעקנדיקע בעקערייען, זשאבעס קוואקן ליריש זייערע מאיאווע געזאנגען, פון לאמען לייזערס מיל, פון די געדיכטע ריזיקע הייליקע „קרייץ וועלדער״ ווייעט א אייביק שמעקנדיקע מעך ווינד, סע זענען דארט דא סעדער מיט יידישע סאדאווניקעס, האלץ סוחרים וואס שמעקן מיט פעך און דעמבענע קארע, גארבערט מיטן ריח פון לאמלעדער און זשעגעזכץ און יוכטענע פעל, סע איז אזוי שיין ארום, מיט גרינע פעלדער אין זומער, שנייאיקע ווייטקייטן אין ווינטער, געננז, קאטשקעס, אינדיקעס, הינער, פערד, חזרים, די קוויטשערייען פון אט אלע באשעפענישן מישן זיך אויס אין פאנטאסטישע מאדנע עכאדיקע העוית אזש העט העט ווייט איבער די גרעניצן פון שטעטל, סע קומט דער יריד־טאג, מע קריגט אלעס צו קויפן, אייער, פוטער, ציבל, מייערן, קארטאפל, לאנג געפלאכטענע קראנצן מיט קנאבל, פון דער ווייסל ברענגן יידישע פישער, גאלדענע קארפן, זילבערנע העכט, גליטשיקע שלייען, די קצבים שעכטן יעדן טאג אכט־טאגיקע קעלבלאך, פון יידישען ברייער ברענגט מע פעסלאך ביער, מע קאכט באבעס ניט ארבעס אין די שענקן, שבת־צונאכטן נעמען זיך יונגען צוזאמען אויף א פעסל ביער, מע פלומט דאס ביער פון א מעשענע מאשינקע, מע עסט צו ארבעס מיט באבעס און מע זינגט זיך פריילך און לוסטיק אברהם רייזינס און ראזענפעלדס לידער, מע צעזעצט זיך אויף די האלצערנע שלאף־בענק, אויף זינגערס ניי־מאשינען און מע דערציילט זיך וויצן און מעשיות און מע טיוליעט זיך צו די דעקאַלדן פון די שעמוודיקע מיידלעך. און ווען די נאכט איז טיף, און אויסגעשטערנט איז דער שטעטלדיקער הימל, גייט מע מיט די מיידלאך צום שידלעווער וועג, דארט קושט מע זיך און מע שושקעט זיך און מע שווערט זיך אייביקע ליבע און סע האלט ווארט און מע האט חתונה, ממש א גן־עדן אין דעם פיטשינקע שטעטל, דאך האבן זיך מערסטנס פון די אלע געריסן אוועק פון דעם הארציקן ליבן שטעטל אווו סע האבן געוווינט נייינציק פראצענט יידן.

זיי זענען זיך צעפאַרן קיין אמעריקע, ישראל, ענגלאנד, פריינקרייך, אסך פון זיי זענען געווען חלוצים, שניידערס, שטובן־מאלערס, שוסטערס, שלאָסערס, רימערט, גארבערס, ווען זיי האבן נאר פארלאזט דאס שטעטל האבן זיי זיך געשווירן אייביק צו געדענקן זייער וויגעלע מיט דעם טאטן מאמעס ווייסע ציגעלע, וואס איז געפארן האנדלען . . . זיי האבן זייער שבועה געשריי געהאלטן און אינדער פרעמד פאראייביקט זייער טייער שטעטל חמיעלניק מיטן פנקס־בוך חמיעלניק, וואס קען דרייסט אנגערופן ווערן : דאס ספר־חמיעלניק, ס׳איז א קאלאסאלע ארבעט פון „אירגון חמיעלניק״ אין ארץ ישראל, דער ספר־חמיעלניק, האלט 1300 שפאלטן אלבום פארמאט, ס׳איז א לוקסוס באנד מיט גאלדענע גרויסע אותיות, באלד ווי מע עפנט דאס ספר זעט מע ווי סע שטייט א ייד אינמיטן חרובן שטעטל, איבערן קאפ איז ער פארדעקט מיט א טלית, סע גיט א דרוק ביים הארצן דער ערשטער איינדרוק, מע מישט דאס פראכטפולע ווייסע פאפיר מיט די הייליקע אותיות, זעט מע ארטיקלען פון ערנסטן היסטארישן ווערט, סע שרייבן דארט : יצחק גרינבוים, י. זרובבל, י. טרונק, ד״ר געלבער, דער זער באקאנטער למדן און דער רב פון טאראנטע, ר׳ אברהם פריז, לויט ווי סע גיט איבער די יידישע פרעסע אין דער וועלט, צייכענען זיך אויס מיט זייערע ארבעטן אינדעם ספר, משה דאמב, יאטל גאלדליסט און די ברידער זאנשיין, וועלכע סע קומט באמת א יישר כח פארן אונטער נעמען זיך די ערשטע צו שאפן דעם ספר, סע איז ווערט צו דערמאנען דא, אז אינדעם טויזענט זייטיגן הערליכן ספר־חמיעלניק געפינט זיך איינאיינציקע איבערזעצונג פון יידיש אין ענגעליש, משה דאמבס אן עסיי, וועגן די אנטשטייאונג פון דעם שטעטל חמיעלניק, אסך ארבעטן זענען אויך געשריבן אין עברית, סע זענען דארט זער פיל בילדער פון יידן און ספעציפישע טיפן און כאראקטערן, צום סוף פון דעם ספר זעט אסך נעקראלאגן מיט די בילדער פון משפחות, וואס זענען אומגעקומען פון די רוצחישע דייטשן, איך קען דרייסט זאגן : אז דאס ספר־חמיעלניק, איז איינס פון די שענסטע און רייכסטע יזכור ביכער וואס די יידישע וועלט קען נאר אנען און דענקן, די אלע וואס וועלן זען און לעזן דאס ספר־חמיעלניק מיט די שיינע טויזנט זייטן, וועלן אן ספר מסכים זיין מיט מיר. א, געבענשט זאלן זיין די אלע וואס האבן געהאלפן שאפן דאס דאזיקע הייליקע ספר און די אלע זענען טאקע נאר מערסטנס די חמיעלניקער לאנדסלייט איבער די גאנצע וועלט, מיטן „אירגון יוצאי חמילניק בישראל״, מיטן רעדאקטאר בראש, דאקטאר אפרים שעדלעצקי, וועלכן סע קומט א ספעציעלן יישר כח.

---

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת־נאכמיטאגס

**אין ברענער סטר. 33, בערנאַרד באַראַן סעטלמענט א.1. — 3 אַזייגער**

שבת, דעם 8 אַפּריל — אחרון של פסח, געווידמעט די 45 יאָרצייט פון י. ל. פרץ. י. ביעטש, רחל מירסקי, אייזיק גאָלדבערג.

שבת, דעם 15 — פאָרלעזונגען דער חורבן־ליטעראַטור : נעט רובין.

שבת, דעם 22׳סטן — יום העצמאות פייערונג. י. ביעטש, ח. נ. בענקוויטש.

שבת, דעם 29׳סטן — ל״ג בעומר פראָגראַם. מאיר באָגדאַנסקי, מאַדאַם נאַדלער.

## יוסף חיים ברענער-סימפאזיום

די „יידישע קולטור־געזעלשאפט״, אונטערן פאטראנאזש פון פוע״צ אין ענגלאנד, גרייט צו א סימפאזיום געווידמעט דעם לעבן און שאפן פון גרויסן יידיש־העברעישן שרייבער און חלוץ י. ח. ברענער ז״ל.

**י. ח. ברענער** איז געווען צווישן די ערשטע גרינדער פון דער גרויסער יידישער־נאציאנאלער ארגאניזאציע פון יידישער ארבעטערשאפט, פון דער **הסתדרות** אין ארץ ישראל (פאלעסטינע) מיט 40 יאר צוריק, און אין זעלביקן יאר, דעם 1׳טן מיי 1921, כ״ד ניסן תרפ״א, איז ער דערמארדעט געווארן, אין יפו, דורך אראבער.

י. ח. ברענער איז געבוירן י״ז אלול תרמ״א, אזוי אז היינטיקן זומער פאלט אויך אויס זיין 80סטער געבוירן טאג. אינעם לעבן פון דאזיקן גרויסן שרייבער־מארטירער האט אויך די יידישע לאנדאן צו פארצייכענען א גאר וויכטיק קאפיטל קולטור־געשיכטע ; דא אינעם אמאליקן ברויזנדיקן יידישן ווייטשעפל האט י. ח. ברענער, אין חודש יאנואר 1906, געגרינדעט און ארויסגעגעבן דעם ערשטן נומער פון זיין העברעישן זשורנאל המעורר, וועלכן ער האט אליין געזעצט און געדרוקט ביי דעם, צו יענער צייט, גוט באקאנטן יידישן דרוקער י. נאראדיצקי ע״ה, אין זיין דרוקעריי נומער 48 מייל ענד רויד, מזרח־לאנדאן.

י. ח. ברענער האט פארבראכט אין לאנדאן פולע צוויי יאר און אין 1909 האט ער עולה־געווען קיין ארץ־ישראל (פאלעסטינע) און איז געווען איינער פון די באדייטנדיקע חלוצים פון דער צווייטער עליה.

אין דער ניי־העברעישער ליטעראטור ווערט ברענער אפגעשאצט ווי דער העברעישער דאסטאיעווסקי.

דאס ברענער־סימפאזיום וועט אפגעהאלטן ווערן אין דעם לאנדאנער וועסט־ענד, אין די סאלאנען פון קארא־האטעל, זונטיק, דעם 30סטן אפריל ד״י, פון א זייגער 3.30 נאך מיטיק ביז 7.30 אוונט.

אין פראגראם : אפשאצונגען איבערן לעבן און שאפן פון י. ח. ברענער פון ד״ר יעקב י. מיטלים און דויד פאטערסאן, וועלכער איז לעקטאר אויפן אוניווערסיטעט אין אקספארד. פארזיצער : ח׳ י. יעזיערסקי. אין מוזיקאלישן טייל וועלן ארויסטרעטן דריי ארטיסטן פון ישראל : מרים יעקובי, אורי גבעון און רמי קעזרא. עס וועט אויך דאסמאל זיין א האלב־שעהדיקער אינטערוואל מיט טיי און צוביים.

א ספעציעלע בראשור אין יידיש און ענגליש ווערט צוגעגרייט צום דרוק אין וועלכער אנגעזעענע שרייבער וועלן געבן אן אפשאצונג וועגן לעבן און שאפן פון י. ח. ברענער דעם דערציילער, פובליציסט, רעדאקטאר און חלוץ.

מיר גלויבן אז יעדער איינער וועט אויפנעמען די דאזיקע מיטטיילונג מיט דער געהעריקער און פארדינטער אויפמערקזאמקייט.

(קולטור־סעקרעטאר פועלי־ציון)

י. ח. קלינגער

## ווייטשעפּל שטעטל ד׳בריטן פון א. נ. שטענצל


אַלע זיינען פאַרבעטן צום גלעזל־טיי לכבוד דעם ניי דערשינענעם בוך, דינסטיק, דעם 25 אַפּריל, 7.30. איינגעאָרדנט פון: יידישער שרייבער פעראיין, יידישער וועלט קאָנגרעס און פריינט פון יידיש לשון. אינטריט פריי.

מזל טוב

צו דער חתונה פון **איוואן האכשטיין** מיט **ראזאלין באטלער**, ווינטשן מיר דעם יינגען פּאָר און די מהותנעסטע שרה האָכשטיין (די אלמנה פונם שרייבער לעאָן האכשטיין) א האַרציקן מזל־טוב.

פריינט פון יידיש לשון

**מיר בעטן אונזערע אַבאָנענטן, זיי זאָלן צושיקן זייער אַבאָנאַמענט אַפּצאָל.** דערמיט וועלן זיי פיל פאַרלייכטערן אונזער אַרבעט.


אונזער טיפן מיטלייד מיט אונזער חבר **בערל ראזנער** דעם פאָרש־טייער פון בונד אין לאָנדאָן, צום טויט פון אונזער טייערע חברטע **חנה**.

יידישע סאציאליסטישע אָרגאַניזאַציע אין לאָנדאָן.

אונזער טיפן מיטלייד צו פריינד **בערל ראזנער** צום טויט פון זיין ליבע פרוי **חנה**.

לשון און לעבן, פריינט פון יידיש לשון


„די אידישע שטימע"

די איינציקע וואָכנצייטונג אין דער אידישער שפּראַך אין דעם לאַנד.

THE JEWISH VOICE LTD.

11-13 NEW ROAD, LONDON, E.1. Phone: BIS. 9804.

LEYTON KNITWEAR CO. LTD.

WHOLESALE WAREHOUSEMEN

Knitwear - Blouses - Underwear

INDUSTRY HOUSE,
37 MIDDLESEX STREET,
LONDON, E.1




# לשון און לעבן


חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור

נומער 5 (העפט 355) צוויי און צוואַנציקסטער יאָר מאַי 1961 לאָנדאָן


רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

### אינהאַלט:


אין דער גלעזערנער שט״ג, צום אייכמאַן־פּראָצעס, לכבוד שבועות ..... °° 1

אַ שפּיצל פון ר׳ נפתלי ראָפּשיצער לכבוד שבועות (דערציילונג) בן־צבי בערנשטיין 7

צ׳ איז עס דיין ווילן (ליד) ..... שמואל וואהייט 10

מיין צוואה (ליד) ..... טאַראַס שעווטשענקאָ 10

ווען איך טראַכט פון דיר (ליד) ..... עלי זילבערג 11

זילבערנע און גאָלדענע הענט (מיניאַטור) ..... ש. טענענבוים 11

אַ הינט א דעלינקווענט (סקיצע) ..... משה בעקערמאַן 12

יידיש (פּאָעמע) ..... יוסף לעפּטוויטשן 13

מיין ברודער שלמה (פּראָזע) ..... א. נ. שטענצל

חנה ראָזנער ..... רחל מירסקי

יידישע ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס



**פרייז 2 שילינג**

**אַבאָנאַמענט־פּרייז: —26 שילינג פאַר אַ יאָר**

**אין אויסלאַנד: —8 דאָלאַר אַ יאָר**

**אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: —**

"LOSHN UN LEBN," 17 DELAMARE BUILDINGS,
COLLINGWOOD STREET, LONDON, E.1. ENGLAND

*Published and Edited by* A. N. STENCL, 17 *Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press,* 129-131 *Cavell Sreet, London, E.1*


רעדאַקציע נאָטיץ

אַלע איבעריקע אַרבעטן וואָס האָבן נישט געקענט אַריין אין דעם נומער, קומען אין טאָפּלטן יוני נומער—ד.ר.

אונזער מיטלייד מיט משה מארקאוויטץ צום טויט פון זיין פרוי.

אונזער מיטלייד מיט מילי באָריס צום טויט פון איר ברודער פריינט פון יידיש לשון.